STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09257

TSVIT

M. Pintshevski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה פינטשעווסקי

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk.
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

צוויט.

לידער

בוענאס איירעס

1918

ארויסגעגעבען פון א גרופע פארעהרער פון משה פינטשעווסקי,
וועלכע האבען צוליב דעם צוועק געגרינדעט א קאמיטעט אונטערן
נאמען: „קאמיטעט פאר ארויסגעבען משה פינטשעווסקי'ס לידער".
בוענאס איירעס, 1918

892.41 H-1930

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט.

דער קאמיטעט וואס האט זיך אונטערגענומען ארויסצוגעבען דאס פארלעגענדע בוך לידער, האט מיך מכבד געווען, אלס אינטימען פ־יינד פון משה פינטשעווסקי און אלס איינעם וואס האט מיטגעהאלפען דעם יונגען דיכטער אינ׳ם רעדאקטירען פון דעם בוך, צו שרייבען א פארווארט צו דער אויסגאבע. און, דעם אמת געזאגט, איך האב מיך געפונען פון דער איינלאדונג אין א פארלעגענהייט; עס האט מיך שאקירט, פון איין זייט, די ראל וואס איך דארף נעהמען אויף זיך, די ראל פון אן אויטאריטעט וואס דארף מיט זיין הסכמה צוגעבען דעם בוך זיין ריכטיגע וואג און זיין פארדינטען ווערט, און פון דער אנדער זייט שמייכעלט מיר דער כבוד פון אונטערפיהרענס ביים אריינפיהרען אין דעם בית המקדש פון דער אידישער ליטעראטור די ביכורים וואס ווערען איהר דערלאנגט פון ארגענטינא אין דער פארעם פון א בוך לידער און עס פרייט מיך וואס די אידיש־ליטעראַרישע משפחה אין ארגענטינא, א משפחה פון בלויז אנפאנגער, וואס האבען אליין, אהן קיינעמס הילף געטאפט זייער וועג און געזוכט זייער פנים אין דער ליטעראטור—און ווער וויים צי זיי האבען איהם געפונען—האט ארויסגעגעבען פון זיך איינעם מיט א באשטימטער פיזיאנאמיע, וואס ברייננגט אריין אין דער אידישער ליטעראטור אזעלכס וואס איז אין איהר, אויב ניט אין גאנצען ניי, דאך א נייס; די פאעזיע פון קראפט און ליידענשאפט.

איבער דעם ליטערארישען ווערט פון די לידער און איבער זייער פלאץ אין דע־ אידישער ליטעראטור וועלען געוויס די ליטעראטור־קריטיקער נעהמען דאס ווארט. איך וועל מיך בלויז באניגענען מיט פארשטעלען דעם יונגען דיכטער, וואס עס וועט פיליכט דינען די קריטיקער אלס מאס פאר זייער אבשאצונג.

משה פינטשעווסקי איז געקומען קיין ארגענטינא אין 1913, א צוואנציג יעהריגער ברייט-ביינינער בחור פון דעם שטעדטעל טעלענעשטי, אין בעסאראביע. ער האט געלערענט אין אדעסער ישיבה און איז אנגעזאפט געווען מיט דעם גייסט פון העברעאיש.

נאך איינגעלוויז האט ער געשריבען העברעאישע לידלעך אין „הפרחים" פון י. ב. לעוונער און שפעטער אין „מולדת" וואס איז ערשינען אין פאלעסטינא אונטער דער רעדאקציע פון ש. בן ציון, זייענדיג אין אדעס איז ער געווען נאהענט צו ח. נ. ביאליק, וועלכער האט איהם געגעבען מוט צו שרייבען, האפענדיג צו זעהן פון איהם א העברעאישען דיכטער. ווען פינטשעווסקי האט געמעלדעט ביאליק'ן וועגען זיין באשלוס אבצופארען קיין ארגענטינא, האט ער איהם געווארענט דערפון, פארשטעהענדיג אז אין דעם דאזיגען ווייטען לאנד אהן א העברעאישער סביבה, וועט דער יונגערמאן, פאר העברעאיש פארלארען געהן. און זיין מורא איז ווירקליך מקוים געווארען; פינטשעווסקי האט דא, אין בוענאס איירעס, זיך באקאנט מיט א קרייז פון דעמאקראטישער יוגענד, ליבהאבער פון דעם פאלקס שפראך, און אונטער זייער איינפלוס, און מעהרסטענס אונטער'ן איינפלוס פון דעם וואס שרייבט די שורות, האט פינטשעווסקי אנגעהויבען שרייבען אין אידיש. צוריקקומענדיג צו אידיש, צו דער שפראך פון טאטע-מאמע, איז פינטשעווסקי אויך צוריקגעקומען צו זיך, צו זיין אייגענארט, צום גרונד פון זיין כאראקטער, וואס איז א פראדוקט פון זיין געבורט-שטעדטעל, וואס ער האט ליעב ווי מען קען נאר ליעב האבען די היים; וואו עס לעבען איינגעפונדעוועטע, פעסטע און געזונדטע בעסאראביער אידען, אידען גבורים, און וואו די נאטור איז אזוי רייך און פארביג, אזוי פא־שידען און מאלעריש; וואו די זון גיסט אן די פאפשויעס און די וויינטרויבען און וואו דער „וואלעך" זינגט זיין „פארניאלע" פאשענדיג די שאף; וואו די ציגיינער גנב'ענען פערד און ציגיינערטעס שפרעכען כשוף און וואו אידישע בחורים שלאגען זיך אויף מעסערס צוליעב א מיידעל...

פינטשעווסקי'ס אויג זעהט אומעטום בלויז בילד און

פארב און קרעפטיג לעבען און אויף איבערצייגעבען דאס וואס ער זעהט, באזיצט ער א רייכע, בויגיגע און ריט־מישע שפראך, וואס ער האט געבראכט מיט זיך פון זיין שטעדטעל, מיט א געוויסען העברעאישען גלאנץ וואס גיט איהר צו א באזונדערן חן.

לאמיך זיך דא אבשטעלען, כדי מיין פארשטעלען זאל ניט איבערגעהן אין א לויב צו מיין פריינד דעם דיכטער, וואס דאס לאז איך איבער פאר'ן אויג פון די קריטיקער. איך וועל דא בלויז אנמערקען אז העלפענדיג דעם אויטאר צו רעדאקטירען דעם בוך, האבען מיר ניט מקפיד געווען אינ'ם שלייפען די לידער, האלטענדיג אז דעם דיכטער קען מען דערקענען פון זיינע חסרונות אזוי ווי פון זיינע מעלות.

פ. כ״ץ.

ב. איירעס, אויגוסט 1918

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No. ....
COOPERATIVE ASSOCIATION

ליבע.

פּי-פּי! פּאַ-פּאַ!..

פּי-פּי! פּאַ-פּאַ! אַ נייע שפּראַך!
און דזין-דזין-דזין! און צווי-צייג-צייג!
דאס ליד פון וואלד, פון פעלד און שליאך,
פון בּוים און זאַנג, פון גראז און צווייג!

אין וואלד אריין! פּי-פּי! פּאַ-פּאַ!
און האסט אַ מיידעל—נעם זי מיט!
און האסטו ניט—
חי-חי! חאַ-חאַ!

ס'איז גארניט מענש! – גלין-גלין! זום-זום!
האָב ליב דעם בּאַרג! האב ליב די רויז!
קיין מיידעל ניט?—איז דא אַ בּלום!
עס מאַכט ניט אויס!

פּי-פּי! פּאַ-פּאַ! אַ נייע ליד!
אַ פויגעל ווער! אין פעלדער פליה!
און שפּרינג, און שריי, און ווער ניט מיד,
און קוש דאס גראז—חאַ-חאַ! חי-חי!

און זעהסט אַ וואסער – שטעה ניט! שפּרינג!
און פּליסקע זיך אין זילבער-שוים!
טאַ-רי! ראַ-ראַ! – אַ קוויטש! אַ זינג!
ניטא קיין פּלויט! ניטא קיין צוים!

ניטאָ קיין צוים! ניטאָ קיין גאָט!
פּי-פּי! פּאַ-פּאַ! דער וועלט אַ פייג!
און קוש דעם בּוים! און קוש זיין בּלאט!
און זינג דאס ליד פון גראז און צווייג!

UNITED WORKERS
LIBRARY
Bronx Pk. East
No.

לאָלאַ.

איינגעטוליעט, אין אַ בערגעל,
לינט מיין שטעדטעל טעלענעשטי.
ווי דערשראקען, ווי עס שעהמט זיך,
הילט זיך עס אין גרינע לאנקעס,
לאסטשעט זיך צום וואלד פון דעמבעס,
בעט ביי איהם אַ פיצעל שאטען;
קען חלילה אַ ווינטעל קומען,
און איהר שלייער נאך פאררייסען,
און די לאָקען נאך צעפּאטלען,
גרינע לאקען—זאַנגען, גראזען.
קען אַ שטראַל חלילה קומען
און אנטפלעקען איהרע ברוסטען,
יונגע, פּוכלע—קרענצלעך טרויבען...
אָ, מיין שטעדטעל! ווי ביזט שעלמיש!
ווי דו ליבּסט דעם ווינט, די שטראלען!
ווי דו חלש'סט נאך אַ שטערען!
שעמסט זיך, אבער, און פארבארגסט זיך
ווי אַ יונגע כלה-מיידעל...
נאר צומאל, אין נאַכט פון פריהלינג,
בּינדסטו אויף דיין גרינעם שלייער,
און צעשויבערסט דיינע לאָקען,
פאלען סטענגעס, פאלען שנורען—
בּייטען גראזען, בּייטען בלומען.
האסטו בּושה פאר די הימלען,
לאַכסטו דריי מאל, וויינסטו דריי מאל,
ווי אַ פופצעניעהריג מיידעל
אין די אַרעם פון אַ בחור...
און נאר פלוצעם—או-פאַ! או-פאַ!
וואס זיך שעמען! הום-טאַ-רי-ראַ!
און דו לעגסט זיך מיט'ן טייכעל,

און דו שמייכעלסט צו די דעמבעס,
שיקט דיר יעדער זיין מתנה,
דער אַ נעבעל, דער אַ נעפּעל —
קלאָהרע נעבלען — ס'איז דאָך ליבּע
פון אַ וואַלד און פון אַ וואַסער.
ליגסטו נאַקעט און פאַרטאַיעט,
און דו זינגסט אַ שטילע שירה.
הערט זיך איין די גאַנצע בריאה,
זינגט מיט דיר דאָס בית-הקברות,
זינגט דאָס אַלטע בית-המדרש,
כאַפּען אונטער ווייסע שטיפלעך,
כאַפּען אונטער ציגען, הענער...

זיבּען וועגען פון מיין שטעדטעל
שניידען דורך די גרינע לאַנקעס.
פיהרען דריי אין גוישע גערטנער,
דריי צום פּריצ'ס אַלטע ווילאַ,
און דאָס לעצטע שמאָלע וועגעל
פיהרט אין דערפעל אירישעני.

אויף דעם וועג וואָס פיהרט צום דערפעל
געה איך אַלע בין-השמשות,
צו מיין יונגער ליבּער לאָלאַ'ן.
און מיין לאָלאַ איז אַ שיקסעל
מיט צוויי גרויסע בלויע אויגען.
— עפען, לאָלאַ, אויף דאָס פענסטער! —
שפּרינגט מיין ליבּע פון איהר בעטעל
אין אַ העמד פון קלאָהרען לייווענד,
אין דער פינסטער טאַפּט זי, טאַפּט זי,
רינגעלט אויף מיט הייסע פינגער.
— שי מאַי פּאַש? — און פייכטע קושען
גליטשען זיך פון פּיסקעל איהרען.

אויף אַ שמאָל און וויפּער בעטעל
ליג'ן מיר ביידע. איך און לאָלאַ.
און מיין מויל אויף איהרע ברוסטען,
שיקסעל-ברוסטען שטייפע, הייסע!
און אין שטוב איז שטיל און פינסטער.
נאר איך זעה—אין יענעם ווינקעל
הענגט דאס בילד פון סוואונטו-ג'ארגי,
און צוקאָפּענס שטעהט אַ צלם,
זאל איך נאר די האנד אויסשטרעקען—
טאפּ איך אן זיין קאלטען מאַרמאָל.
קען דער צלם דוכט זיך ריידען—
נאר ער שווייגט און וואַרט אויף עפּעס...
ווערט מיר קאלט. לאָלאַ ברענט דאָך,
און איך ציטער! – לאָלאַ! לאָלאַ!
קוש מיך שטאַרקער! דריק מיך פעסטער!
וואַרף אראפּ דיין העמד פון לייווענד,
וועט דיין קערפּער מיך פארברענען...
זינגט מען ערגיץ. דוכט כל-נדרי.
שטיל געצויגען. דאנ-דר-נא...
אוי-וועה, אוי-וועה... דאנ-דר-נא...

....

לאָלאַ ברענט. און דאָרט ביים פענסטער,
הער איך קלאהר אַ שופר-בלאזען;
אלטע אידען, צוויי מנינים—
געה'ן ארום מיט שוואַרצע ליכטלעך,
בויגען זיך און זוכען עפּעס.
—אַ נשמה!.. וועמענס? וועמענס?
דא גאר? דא? ביי לאָלאַ'ס פענסטער?
יעדער טראגט מיט זיך אַ קינה,
איינער פליסטערט: שמע קו-ל-נו...
און אין ווינקעל שטעהט דער צלם,
דוכט, אט הויבט ער אן צו ריידען...

מיט'ן טאג גלייך, לאז איך איבער
מיין געליבטע יונגע לאַלאַ,
און איך געה צוריק אין שטעדטעל.
וואו עס הויבט זיך אן דאס שטעדטעל—
שטעהט אַ אלטע פוסטע קוזניע.
שטעהט זי עלענד און פארגעסען.
זאגען ווייבער אז גלגולים,
טאנצען דארטען שווארצע נאַכט-טענץ.
און פאַרטאָג-צו ברענט דארט עפעס—
שאַרבענס, קנעכלען, גאנצע הויפענס;
ווערט אַ רויכעל, גרוי און בלווילעך—
זאגען ווייבער, דאס איז כשוף!
טרעפט זיך טאקי, פאהרט אַ פויער,
קומט דאס רויכעל איהם אנטקעגען,
פאהרט ער שעה'ן און דערפאהרט ניט.
ווען איך געה פארביי די קוזניע,
ווייזט מיר אוים, אין שוואַרצען בלאזזאק,
רופען לצים אן מיין נאמען...
און אַ ווינטעל פאַטשט מיך, פאַטשט מיך:
אוי, דו רשע! אוי, דו רשע!
ליבסט אַ שיקסעל און דו קושסט זי!..

נאר גאר פלוצים—או-פאַ! או-פאַ!
וואס זיך שעמען! הומ-טאַ-רי-ראַ!
ס'איז די שטימע פון מיין שטעדטעל!
קיינער הערט ניט, קיינער זעהט ניט,
ווי עס שפילט זיך מיט די נעבלען,
וואס דאס טייבעל און דאס וועלדעל
האבען איהר ביינאכט געשאנקען...

סטעלאַ.

סטעלא — איז מיין מיידעלס נאמען.
קלינגט דאָך וויס דער נאמען סטעלאַ —
און דערמאנט מיר ווייסע בלומען,
גרויס און צייטיג.
און דערמאָנט מיר מאָרגען-וואָלקענס,
ווייסע פיצלעך, איידער ס'טאגט נאך.
יענע ווייסע פיצלעך וואָלקען,
רופ איך חסד.
קיינער ווייסט ניט...
דאס איז סודות פון באגינען,
ווען עס טהוט זיך אפ אין הימעל
מיט דעם שטנ'ס כעס און קטרוג;
קומען וואָלקענס, ווייסער חסד —
גאט איז מוחל!
סטע — איז דינער פערלמוטער,
לאַ — איז שנעע אין מיטען זומער —
סיון שטעהען ברייטע פעלדער,
וויס-באפליטערט, אנגעשנעעט.
און אנטקעגען בערגער, בערגער —
זענען זיי פון פערעלמוטער —
און מען זאגט אז ערגעץ וואַקסען
בוימער אויך פון פערעלמוטער —
דאס איז סטעלא.

שטעה איך איינמאל אויף אַ פעלזען,
ביי דעם ברעג פון ים פון גרויסען.
איז דער ים געווען אין תאוה,
און געפינעט.
דוכט מיר אויס די ווייסע פינע —
דאס איז סטעלאַ!

שטיקלעך סטעלאַ. איהרע דיכען, איהרע אַרעם.
און פון ווייטען, גאר פון ווייטען,
בולבען זיך צוויי קליינע בלעזלעך,
ווייסע בלעזלעך, שוים און פינע,
ווים איך אלעס—
ס'איז דאך סטעלאַ'ס קליינע ברוסטען!..
שריי איך—
סטעלאַ! סטעלאַ!.. ביזט פארכשופט!
קרומט מיר נאך דער ים מיט קנאה —
סטאָלא... סטאָלא...
ז'איז ניטא דא נאריש אינגעל!
וואלט זי נאר צו מיר געקומען,
שלייכען זיך אין בוזעם מיינעם!
סטאָלא... סטאָלא...
ווייל—דער ים—איהר קענט איהם קיינער!
דאס איז דאך אַ ווילדער נעגער,
מיט אַ גראָב פארשוויצטען פנים,
וואס ער ווייסט ניט פון קיין סגל!...
שטעה איך איינער אויף דעם פעלזען,
און דער בעזער ים צעגלאָצט זיך,
מיט מיליאנען אבגרונד-אויגען. . .
שטעהט אַ שווארצער בער און שרעקט מיך. . .
ביז עס קומט אַ סערפ-לבנה,
טרייסטען מיך די בלייכע שטראַלען,
קלינגען דין די בלייכע שטראלען—
חרמש, חרמש. . . סגל-צירה. . .
חרמש-חרמש. . . סגל-צירה. . .
דאס איז סטעלאַ!

פלאָרינדאַ.

אין מיין שטעדטעל טעלענעשטי—
צ׳ישען גראז און צ׳ישען זשאבעס,
צ׳ישען גרינע יאַשצעריצעס,
שטעט אַ קליין צעבראָכען שטיבעל.

פריה-באגינען און אין אווענד,
הענגט אַ ווייסער פרומער נעבעל
איבער בארג און איבער טאהלען,
איבער בוים און איבער ברונעם.
פאלט אַ פאַליע פון דעם נעבעל
אויך אויף יענעם קליינעם שטיבעל.
שטעהט דאס שטיבעל ווי געצערטעלט,
ווי געטרייסט פון נעבעל ווייסען.
זעהט עס מארגענס אויס אַ יונגלינג,
שוואַך און ארעם אהן אַ מאמען.
זעהט עס אויס אַ קליינער יתום,
בארפיס, נאקעט, אבגעריסען.
און דער נעבעל—יונגלינג-טרוימען,
קנוילען אומעט נאך אַ מאמען...
אווענד—דוכט זיך, שטעהט אַ זקן,
מיט אַ אלט-געקנייטשטען שטערען,
מיט אַ רוקען איינגעהויקערט,
און ער פעסטעט זיך נאך יוגענד,
און פארבענקט זיך נאך אַ בענקשאפט...
זעהט דאס שטיבעל אויס א זקן,
און דער נעבעל זיין נשמה.

אין דעם שטיבעל וואוינט פלאָרינדאַ.
אַ ציגיינערין אַ יונגע,
מיט צוויי אויגען, צוויי פארנאכטען,
מיט צוויי ברוסטען טונקעל-קלאהרע.

אין מיין שטעדטעל טעלענעשטי,
זאגען מענשען אז פלאָרינדאַ
קען די שפּראַך פון אלע שדים.
איהרע בליקען — שרעק און כשוף!
איהר נשמה — פייער פון גיהנם!
נאַכט-ביינאַכט אין ווייסע קליידער,
געהט זי, זאגט מען, אויף די קברים,
שלייכט זיך דאָרט צעווישען שאטענס,
קלייבט דאָרט גרעזלעך, טראָפּענס נאַכט-טוי,
זאַמעלט אלעס אין אַ שאַרבען,
און אין מאָרגען שפּרוכט זי סודות
אין איהר קליין צעבראכען שטיבעל.

און איך ליב אזוי פלאָרינדאַ'ן!..

זומער-אווענד — קיינער זעהט ניט —
יאגען מיר זיך אין די גראזען.
שפּרינגט פלארינדא אין אַ טייכעל,
האָר-צעשויבערט, ברוסטען-נאַקעט,
און צוויי קליינע מיידעל-פיסלעך
פּליסקען שעלמיש אין די וועלען...
און איך יאג פלאָרינדא'ן נאַקעט,
און איך קוש איהר האלז און נאקען...

ווינטער-אווענד — קיינער זעהט ניט —
ביידע זיצען מיר אין שטיבעל.
גענען קנאַקט אַ ראָזע פייערל.
עפּעס זאגט עס וועגען כשוף,
וועגען לעבען פון ציגיינער,
אַנגסטיג לעבען, עלענד לעבען,
אהן אַ גאט און אהן אַ תפלה...
קנאַקט דאס פייערל. רויטער ווערט עס.

שפינט זיך פחד אין מיין האַרצען.
און דאס שטיבעל — אַ מצבה
אויף אַ שטילקייט און אויף שאטענס.
שוויגט פלאָרינדאַ און זי צויבערט.
און איך שרעק זיך און איך פלאטער.
דוכט, די שטילקייט הילכט און לויערט,
דוכט, דאס ראזע כשוף פייערל
ברענט מיט חוזק אין מיין האַרצען.
וויל איך אויפשטעהן און איך קען ניט.
וויל אנטלויפען — נאר מען לאזט ניט...
טויזענד שדים, מחנות, מחנות
האבען מיך ארומגערינגעלט,
און מען וויגט זיך אין אַ ריידעל.
און פלאָרינדאַ צויבערט, צויבערט,
און דאס פייערל רויטער, רויטער—

. . . .

זאגט דאס יונג ציגיינער-מיידעל:
ווילסטו ווערען מיין געליבטער? —
שענק די שדים דיין נשמה!
מיר — דיין האַרץ און דיינע אויגען,
ווער אַ שד און ביזט מיין ליבסטער!..

ווען פלאָרינדאַ קושט מיין שטערען
וואַך איך אויף. ארום, די שטילקייט.
און דאס פייערל אויסגעלאשען.
ערגעץ טיקט זיך נאך אַ פונק קוים.
און אין דרויסען פריש און פראסטיג,
אויף דעם שטיבעל שנעע-תכריכים,
און אין האַרצען, טיעף אין הארצען,
ברענט אַ רויט ציגיינער פייערל...

צוויי ליליען.

אין די וועלדער פון בראַזיליען
וואַקסען קיינמאל ניט קיין ליליען...

ווער זשע האט אין וועלדער יענע
איינגעפלאנצט צוויי ליליען שעהנע?
איינע ווייס און שוואַרץ די צווייטע,
און די שטענגלעך בלוטיג-רויטע? —
אין די וועלדער די געדיכטע,
האט פּאַסירט אזא געשיכטע:

ס׳איז געוועזן אמאל אַ ניגער,
יונג און ווילד אזוי ווי אַ טיגער.
ווי אַ צעדער שלאנק און מעכטיג,
און די קרויזען זיינע — פּרעכטיג!
מיט אַ בּליאַסק פון שוואַרצען דימענט!
און זיין בּרוסט — אַ פעסטער צימענט.
ליפּען גראָבּ, און ווייסע צייהנער;
זעהר אַ שעהנער! זעהר אַ שעהנער!
הויך אויף צוויי מיט האלבּען מעטער! —
זיין געצעלט בּאַדעקט מיט בּלעטער,
רויזען-קרוינדלעך, בּלומען-ריימלעך,
צ׳ישען די געדיכטסטע בּוימלעך.

און די שוואַרצע טעדא-מיליע,
שעהנסטע מיידעל פון בּראַזיליע —
איז געגאנגען קלייבּען יאַגדען,
און דערזעהן אין גראז סמאַראַגדען!
צוויי סמאַראַגדען שוואַרצע, גלאנצען —
טעדא-מיליע הויבּט אן טאנצען,
און דערפרעהט זיך מיט די שטיינער,

און באווייזט די ווייסע צייהנער...
אויף אַ רויטער זיידען-סטענגע
וועלען די סמאַראַגדען הענגען,
צ'ישען איהרע שוואַרצע ברוסטען —
וועלען אלע צו איהר גלוסטען!
און זי האט זיך אנגעבויגען.
נאָט! דאס זענען גאר צוויי אויגען!
אויגען פון דעם שעהנעם ניגער,
וואס ער לויערט אויף אַ טיגער.
ליגט אין גראזען אויסגעצויגען,
אין זיין לינקער האנד — דער בויגען,
אנגעגרייט די פייל צו וואַרפען,
רעכטס — אַ מעסער מיט צוויי שאַרפען,
לינקס — אַ זעבעל אויס'ן שיידעל.

זאגט דער ניגער צו דעם מיידעל:
טעדא-מיליע! טעדא-מיליע!
שוואַרצע שעהנהייט פון בראַזיליע!
דיינע ברוסטען — קרענצלעך טרויבען!
וואויל צו דעם וואס טהוט דיך לויבען!
וואויל צו דעם וואס טהוט דיך ריהמען!
ס'איז דיין שטימע ליד און הימען!
דיינע אויגען — צוויי געזאנגען!
כ'האב געוואלט דעם טיגער פאַנגען —
ביזט, ליבסטע, גאר געקומען!
קום זשע אין מיין צעלט פון בלומען,
וועל איך דיך מיט רויזען קרוינען,
און דו וועסט מיט מיר דאָרט וואוינען.

טעדא-מיליע שטרעקט די אַרעם,
און זי קושט דעם ניגער וואַרעם.
און דער ניגער קושט זי הייסער,

ער איז גליקלעך ווי אַ קייסער!
פון דעם ים — די שעהנסטע קרעלען,
פּאַווע-פעדער, טיגער-פעלען,
פון פארשידענע קאָלירען,
ווערען זיין געליבטע ציהרען!

ר'האט זי צוגעצויגען נאהענט,
און אין יענעם זעלבען אווענד,
האט ער איהר מיט הייסע אויגען,
קלייד און העמד אראפּגעצויגען,
און אנטפּלעקט די שוואַרצע ברוסטען,
און באמאַנט מיט ווילדע לוסטען.
מיד איז זי געבליבען ליגען,
און געשוויגען. און געשוויגען...
נאכדעם האט זי איהם געשוואוירען,
אז איהר ליבע וועט געדויערען,
אלע יאהרען, אלע צייטען —
און זי וועט איהם ניט פארביימען!..

קומט אהין אַ ווייסער יעגער.
אין די טיעפע וועלדער פלעג ער
שיסען חיות, כאפּען שלאנגען,
פּאַפּוגייען גרינע פאַנגען.
האט דער יעגער אנגעטראָפען
טעדא-מיליע'ס שטיבעל אפען.
אין דער היים ניטא דער ניגער,
לויערט ערגעץ אויף דעם טיגער.
טעדא-מיליע איז געליגען
אויף די פעל פון ווילדע ציגען,
אין איהר ווייך געשמאַק געלעגער.
ווי דערזעהן זי האט דעם יעגער,
איז ער באלד איהר שטאַרק געפעלען! —

און פארגעסען אן די קרעלען,
וואס געשענקט האט איהר דער ניגער,
און די שעהנע פעל פון טיגער,
און די פעדער פון דער פּאַווע—
און מיט הייסער, ווילדער תאוה,
גרייט זי אן איהר וייך געלעגער
פאַר'ן ווייסען שעהנעם יעגער...

. . . .

איז דער ניגער אנגעקומען.
אנגעהויבען ביטער ברומען.
אנגעפולט מיט בלוט די אויגען—
שטעלט ער אן זיין פייל און בויגען,
איין מאל, צוויי מאל אויסגעשאסען—
ציגען-פעל מיט בלוט פארגאסען!
און דערנאך ערשט זיי דערשטאָכען,
און צעשניטען. ביינער, קנאכען
הינטער בוים און בוים באַגראבען.
בלויז די קעפּ פאַר ווילדע ראָבען
אויפגעהאנגען אויף אַ דעמבע,
און גערעוועט אויף אַ געמבע!
האט דער וואלד איהם נאכגעברומען...

ווען די נאַכט איז אנגעקומען,
איז דער ניגער—קאָפּ-געבויגען,
מיט פארוויינטע, רויטע אויגען,
רויט פון אייפער—אנגעצונדען,
ערגעץ-וואו אין וואלד פארשוואונדען...

איז געשעהן דערנאך א וואונדער—
פון דעם בלוט פון ביידע זינדער,
האבען אויסגעשפּראצט צוויי ליליען,
אין די וועלדער פון בראזיליען—
איינע ווייס—און שווארץ די צווייטע,
און די שטענגלעך בלוטיג-רויטע!...

אין די אויגען...

אין די אויגען פון מיין ליבסטע,
זעה איך פעלדער גראז.
טייכלעך פליסען, שעמערירען,
פורפור, בלוי און ראז.

אין מיין ליבסטעס אויגען-טייכלעך,
שפיגעלט זיך דער רוים.
און א שטערען אין די וועלען,
וויגט זיך, וויגט זיך קוים.

טייבלעך פליהען, ווייסע, ראָבע,
פאָרלעך אלערליי—
און גאָר פלוצעם אויף די גראזען
פאלט א פרישער שנעע!

זומער-ווינטער! — חאַ-חאַ, חאַ-חאַ!
שנעע אויף גרינעם פעלד!
אין די אויגען פון מיין ליבסטע
צויבערט זיך א וועלט!

אויף די ברוסטען פון מיין ליבסטע
שפאַר איך אָן מיין קאָפּ —
הער איך ס׳קנאַלט א יונגער דונער,
פאַלט א קיהלער טראָפּ.

הער איך ס׳שפילט א פאסטוך פייפעל,
שפילט א באַנגליך ליד.
און א תפלה גיסט זיך ערגעץ —
דאַוועגט וואו א איד.

און דער יונגער דונער שטאַרבט שוין,
קומט אַ צווייטער באַלד.
און עס טרעשטשען ערגעץ שפּיינער,
ס'ברענט אַ גרויסער וואַלד.

און מען שטעלט אַ חופּה ערגעץ,
חזן זינגט מיט קאָהר...
אין די אויגען פון מיין ליבסטע!
אויף איהר ברוסטען-פּאָר!

שווימט אַ פישעל...

שווימט אַ פישעל אין דעם ים-סוף,
צו דעם ים-המלח.
שווימט עס גאנצע טעג און וואָכען,
לעבעדיג און פרעהליך.

צו זיין ליבסטע שווימט דאס פישעל,
טראגט איהר אַ מתנה—
זיבען שטראַלען פון די שטערען,
צעהן—פון דער לבנה!

צוויי רובינען פון סמבטיון,
טייערע, ניט צום שעצען!..
קומט אַ פישער צו דעם ים-סוף,
שפרייט דארט אויס די נעצען.

שפרייט דאָרט אויס—און פאַנגט דאס פישעל,
שפאנט זיך ׳היים פאמעליך—
עלענד בלייבט אַ פישען-כלה
אין דעם ים-המלח!

פליהט אַ אָדלער איבער בערגער,
אונטער ברוינער כמאַרע.
אויסגעצויגען האלז און שנאבעל,
פעסט די פליגלען שטאַרע.

צו זיין ליבסטע פליהט דער אָדלער,
טראָגט איהר אַ מתנה—
זיבען שטראלען פון די שטערען,
צעהן—פון דער לבנה!

צוויי רוביגען וואס זיי לויכטען,
ווי זיין ליבסטעס אויגען!..
קומט אַ יעגער אין די בערגער,
שטעלט דאָרט אָן זיין בויגען.

שטעלט דאָרט אָן — און ס'פאלט דער אדלער
אין די הענט פון שונא —
עלענד בלייבט אַ אדלער-כלה
אונטער כמאַרעס ברוינע!

וואס האסטו דיין פנים?..

וואס האסטו דיין פנים אין קישען באהאלטען,
און וויינסט מיין געליבטע און לאַכסט?
נו — וועל איך פאַרלעשען דאס ליכטעל דאס פרעכע,
אַ סימן — איך וויים וואס דו טראַכסט!

דיין טרעהר איז אַ הספד: אין דיר איז געשטארבען
אַ יונגענקע מיידעל, נאך רוי;
דיין שמייכעל — אַ הימען פון ליבע און תענוג:
אין דיר איז געבוירען די פרוי!

אַ קורצענקע ווילע. וואס איז דען אַ ווילע?
אַ גארניט! אין האַרצען אַ טיק...
אַ קרעכץ פון אַ מיידעל, אַ רגע פון בושה,
אַ אייביגקייט ליבע און גליק!

נו, שוויג, מיין געליבטע, נו, וויין ניט, נו וויין ניט —
ווי זיס ס'איז פארביי אונזער נאַכט!
און איצטער — עס טאגט שוין. דער הימעל ווערט בלאַס-בלוי,
אַ ראָזעווע מאָרגען ערוואַכט...

איך נויג מיין אויער...

איך נויג מיין אויער צו דר'ערד,
אונ כ'הער זיך איין.
אונ הער דאס הירזשען פון דיין פערד
אויף זיבען מייל — אָ, ליבער חתן מיין!

אונ ווען די זינגסט אין פעלד,
פון ליבע אונ פון וויין —
ווי אַ צויבער-קוועלכעל — קוועלט
מיין האַרץ אין מיר — אָ, ליבער חתן מיין!

כ'קום צום טייך אין נאַכט,
פון לבנה שיין.
אונ ליג ביים ברעג אונ טראַכט
פון דיר, פון דיר, — אָ, ליבער חתן מיין!

שוועבט אַ סאָווע מיר פאַרביי
אונ רוימט מיר איין:
דיין חתן, מיידעל, איז דיר מעהר ניט טריי! —
וויינט מיין האַרץ אין מיר — אָ, ליבער חתן מיין!

אויף אמת איז דער סאָוועס רייד. —
הער זשע וואס ס'וועט זיין:
כ'האב מיין טאטענס ביקס פארגרייט
פאַר דיין ברוסט — אָ, ליבער חתן מיין!

אונ אויב די סאָווע האט געשפעט —
הער זשע וואס ס'וועט זיין:
כ'שיס זי גלייך! אונ איהר קערפער וועט
הענגען אויף מיין טהיר — אָ, ליבער חתן מיין!

און די אויגען איהרע—פאלש און גרוי—
וועלען אַ ציהרונג זיין,
אין מיין בייטשעל קרעלען, וואס איך ליב אזוי,
ווייל ס'איז דיין געשאַנק—אָ, ליבער חתן מיין!

טרייב זשע שנעל דיין פערד,
אין לבנה-שיין!
איך נויג מיין אויער צו דר'ערד,
און וואַרט מיט אנגסט—אָ, ליבער חתן מיין!

וואַלענטינאַ.

שנעע און פראָסט, און אלעם בלענדעט.
ערד און הימעל ווייס און ווייס—
וואַלענטינאַ כאַפּט דעם פוטער,
און זי לאזט זיך אויפ'ן אייז.

שנעע און פראָסט, און אלעם בלענדעט,
און די ווייסקייט מאַכט אַזש דול!
וואַלענטינאַ איז אַ גאזעל,
יאגט און שפּרינגט מיט יוגענד פול.

—העי, דו בחור! קוק און שעהם זיך!
איינס! און צוויי! און דריי! און פיער!
ניטע... לאַך ניט!—פון דיין לאַכען,
בין איך דאָך געפאלען שיער...

איינס און צוויי!—און קוק, דו בחור,
ווי מען טהוט זיך אַ צולאז!—
וואַלענטינאַס ליפּלעך—פייער!
איהרע בעקלעך—פריש און ראז!

און דער בחור קוקט פארוואונדערט.
שנעע איז קאַלט—אין הארצען גליהט!
—אונבעקאַנטע, ווילדע מיידעל,
גיב דיין הענטעל, ביזט שוין מיד!

—קום, דו בחור, נאַ מיין האנד דיר!
וואַרעם זי מיט דיינע קיש!..
שנעע און פראָסט, און אלעם בלענדעט,
און די וועלט איז ווייס און פריש!

מיט אַ פרעמדען שעהנעם בחור
פליהט די ווילדע, לאַכט און שטיפט —
און אַזוי פאַמעליך, דוכט זיך,
האט זי זיך אין איהם פאַרליבט!..

שנעע איז קאַלט — אין האַרצען גליהט!
הייסער זענען ווינטער-קיש!
אלעס בלענדעט... ערד און הימעל —
און די וועלט איז ווייס און פריש...

כלה-ליד.

כ׳האב אַ נאַכט געוואַרט. אַ בלויע נאַכט פארלוירען,
בײ די סטויגען שטרוי.
אויף מיין ברעם איז דער מאָרגענשטראַל געבוירען,
געפאלען אויף מיר טוי.
און ווען דערזעהן האבען מיך די פויערען—
האבען זיי געשפּעט אזוי!

בײ די סטוינען שטרוי האב איך אײנגעשלאָפען,
אין חלום דיך געזעהן—
אַ שוואַרצער מענש איז לאַכענדיג פארביינעלאפען,
אין האנד—אַ קבר-ביין.
אַ פרעג געטהון—צי זאל ער דיך באשטראפען—
כ׳האב געענטפערט: ניין.

האט דער שוואַרצער דאַן גענומען העכער לאַכען,
און אזוי געלאַכט!
בערגער, טאהלען, דערנער—אלע, אלע זאכען
האבען אויפגעוואַכט—
ערד און הימעל שפּאטען, טייך און ווּלדעל פראכען,
און מיט זיי די נאַכט!

מ׳האט פון מיר גע׳חוזק׳ט, און אויף מיר געוואונקען,
צעווײנט זיך האב איך אַזש.
און פלוצעם—אַ—איך האב גענומען זונקען
אין אַ אבגרונד—ראַש.
מײנע טרעהרען ווערען שטערען, פון די שטערען פונקען,
פון די פונקען—אַש!

כ׳האב ערוואכט, און האב פארשטאנען, חתן מיינער,
אז איך וואַרט אומזיסט.
כ׳האב געפרעגט אויף דיר די וואנדלענדע ציגיינער,
האט קיינער ניט געוואוסט;
דער עלטסטער האט געשפראכען: דער חתן דיינער,
א צווייטע מיידעל גלוסט!...

כ׳האב א נאכט געוואַרט. א בלויע נאכט פארלוירען,
אין אנגסטען און אין פיין.
גראבט א קבר, פויערען! ס׳וועט ניט לאנג געדויערען
און מיינער וועט ער זיין!
נאכט-ביינאכט דער שווארצער וועט מיין קבר לויערען,
אין לבנה-שיין...

מיט די נעגעל וועט ער אין מיין קבר רויען,
גנבענען א פיין.
סאוועס וועלען וויינען, הינד דאן וועלען וואויען,
קריצען מיט די צייהן.
און אזוי, זיך הערען וועט ביז מארגען בלויען
דאס אומעטיג געוויין!...

דער שנעע האט פארשאטען...

דער שנעע האט פארשאטען די וועגען—
ניט לאז דיך אויף יאגד איצט, מיין ליבער!
ווער קען דען איצט וויסען די טאהלען?
ווער קען דען איצט וויסען די גריבער?

דער שנעע האט פארשאטען די וועגען,
די לופט איז איינשווינגען אין לויער,
און טאמער וועט קומען א פרעמדער—
און פרואווען דעם ריגעל פון טויער?

דער וואלף איז אום זומער פארביטערט,
אום ווינטער נאך בעזער און ערגער!—
דעם קאפּ האט ער עלענד פאררוסען,
און וואויעט צעווישען די בערגער...

דער אווענד איז שלוי און געהיימליך,
דער פראסט איז געהיימער און שלויער!
און טאמער וועט קומען א פרעמדער—
און פרואווען דעם ריגעל פון טויער?

אט קריכט שוין ארוים פון די וועלדער,
די נאכט מיט איהר מחנה געשפענסטער,
און רינגלען ארום אונזער שטיבעל,
און קוקען אריין אין די פענסטער...

די נאכט האט פארכשופט די וועגען,
דער שנעע ווערט אלץ בלויער און בלויער.
און טאמער וועט קומען א פרעמדער—
און פרואווען דעם ריגעל פון טויער?

די ציגענע פעל זענען גרייט שוין...
אונ כ׳האפ שוין דאס ליכטעל געצונדען...
אונ כ׳האב שוין די לאקען צעפלאכטען,
די שנירלעך פון העמד שוין צעבונדען...

די דעק מיט מיין לייב כ׳האב דערוואָרעמט,
די ציגענע פעל — מיט מיין פיבער...
אונ קוק, ווי איך פלאטער אונ בעט דיך —
ניט לאז דיך אויף יאגד איצט, מיין ליבער!

באשעהרט איז געווען...

באשעהרט איז געווען, אז מיין פרוי זאל געהערען,
צו א רייכען בן-מלך, א פרינץ—
און געווען איז זי מיינע, א ארעמען דיכטערס,
וואס האט בלויז א פיסעלע מינץ. . .

און געווען איז זי מיינע, אַ ארעמען דיכטערס,
וואס איז אין זיין ארעמקייט רייך—
מיין גאנצער פארמעגען: א הילצערן שטיבעל,
פון פארענט א בוימעל, א טייך—

פון הינטען אַ גארטען מיט ווייסע יאסמינען,
מיט בלימאלעך ראזע און געל.
דעם דיכטערס פארמעגען! — א בלימעל, א טייכעל,
א קלייניגקער הילצערנער צעל.

פארשטעהט ניט מיין פרוי אט די דאזיגע אוצרות,
און גארט נאך א גינגאלדען הויז—
מיט זילבערנע טהירען, בריליאנטענע פענסטער,
מיט בוימער-סמאראגדען פאראויס!

און הינטען זאל פליסען א טייך מיט בריליאנטען,
מיט גאלדענע פישלעך אין טייך,
און טויזענד באדינער אויף איהרען אַ פיפס נאר,
זאלען אַ ווארף טהון זיך גלייך!

— נו, געה דיר, מיין פרוי, צו די פרינצען פון אופיר,
און איינעם פון זיי קלייב דיר אויס—
און זאל ער דיר שענקען אַ טייך מיט בריליאנטען,
דיר בויען א גינגאלדען הויז!

נאר ווייס, מיין געליבטע, די פרינצען, זיי זענען
פאלשע און שלעכטע און ניט טריי!
און ווייס, אז דער בעסטער פון זיי האט צוויי פרויען,
און איינינע האבען צו דריי!

אוועק איז מיין פרוי צו די פרינצען פון אופיר,
געלעבט דארט אין זילבער אין גאלד.
באציהרט זיך מיט פערעל, רובינען, בריליאנטען,
פארמאגט — וואס זי האט נאר געוואלט!

נאר איינס האט געפעהלט מיין פרוי, דער פרינצעסין:
דעם דיכטערס א הארציגע ליד...
א ווייסער יאסמינדעל פון יענע וואס האבען
ביים הילצערנעם שטיבעל געבליהט!

געקלאגט האט מיין פרוי נאך דעם הילצערנעם שטיבעל
נאך מיר מיט מיין ביסעלע מינץ...
באשעהרט איז געווען אז מיין פרוי זאל געהערען,
צו אַ רייכען בן-מלך, א פרינץ!..

צו מיר האט...

צו מיר האט געשמייכעלט די יונגע פּרינצעסין,
געוואלט מיט איהר שמייכעל מיך פאנגען.
אראפּגעלאזט האט זי א בלימעל — און ווארט,
אז כ׳זאל איהר דאס בלימעל דערלאנגען.

דאן וועט זי מיר שטרעקען איהר הענטעל צום קושען,
און איינלאדען מיך אין איהר היכל!
נאר איך בין פארביי דער יונגער פּרינצעסין;
מיך האט ניט געפאנגען איהר שמייכעל!

געקומען בין איך צו אַ אָרעמער מיידעל —
מיין פּשוטע, ליבענקע כלה.
אזוי פיעל פּרינצעסינס האב איך שוין געזעהן —
מיין ליבסטע איז שעהנער פון אלע!

געווארפען האט זיך די פּרינצעסין צו דר׳ערד,
געוויינט — און דעם הימעל געשאלטען:
איך האב צו א בחור געשמייכעלט אין גאס,
מיין שמייכעל האט מיר ניט געגאלטען!

עס ליבט גאר דער בחור זיין כלה פיעל מעהר,
ווי מיך, די יונגע פּרינצעסין!
— אָ, דינער! דערלאנג מיר א קריגעל מיט סם,
עס האט מיר מיין לעבען דערעסען!

אָ, דינער! אַ ריסקעל! און גראב מיר א גרוב,
איך וועל זיך פאר בושה באהאלטען!
איך האב צו אַ בחור געשמייכעלט אין גאס,
מיין שמייכעל האט מיר ניט געגאלטען!

אזוי האט געיאמערט די יונגע פּרינצעסין,
געוויינט און געשאלטען דעם הימעל.
און דארט אויף דער גאס, איז געבליבען פארוועלקט
דער יונגער פּרינצעסינס א בלימעל...

אַכטצעהן יאהר שוין...

אַכטצעהן יאהר שוין אלט געווארען
איז די שעהנע גרעפין.
טראגט זי שוין א לאנגע קלייד,
מיט פאלדען און מיט שטרייפען.

האט דער אלטער גראף באפוילען,
און טראמפייטען בלאזען:
— אַכטצעהן יאהר די גרעפין אלט,
ווער וויל זיין איהר חתן?...

No.
...RATIVE ASSOCIATION

שטעהען דינער טאג ווי נאַכט,
בלאזען און טראמפייטען.
קוּמען חתנים צו דער גרעפין,
איינער נאכ׳ן צווייטען.

אפיצירען, קאפיטאנען,
ריטערס און מאטראסען—
אבער קיינעם פון די אלע,
וויל זי פאר אַ חתן!

— זוּך מיר, פאטער, אויס אַ מאן,
מיט גרויסע, שווארצע קרייזען,
און זיין ברוסט— ווי אייזען שטארק,
שטארקער נאך פון אייזען!

זוך מיר, פאטער, אויס אַ מאן,
מיט גרויסע, שווארצע אויגען—
וועט מיין הארץ צו יענעם מאן,
ווערען צוגעצויגען...

ווערט דער אלטער גראַף אין כעס,
הייסט ער, שטאַרקער בלאָזען:
— אַכטצעהן יאָהר די גרעפין אלט,
ווער וויל זיין איהר חתן?...

שפּרייזט פאַרביי דער גרעפינס הויז,
אַ פּאַסטוך, אַ ציגיינער.
— פאַטער! שרייט די גרעפין אויס,
דער זאָל ווערען מיינער!

זעה ווי שעהן און שלאַנק ער איז!
זעה די האָר, די אויגען!...
שטיל געוואָרען איז אין שטוב,
יעדענס קאָפּ — געבויגען.

נאָר דער גראַף געכליפּעט האָט:
— וועה צו׳ר עלטער מיינער,
אַז מיין טאָכטער ליבען זאָל
אַ פּאַסטוך אַ ציגיינער!...

אין אַ גאָרטען...

אין אַ גאָרטען שטעהט מיין שטיבעל.
הויכע בערגער רעכטס און לינקס.
און ארום מיין שטיבעל — בוימער,
יעדער בוים אַ שטומער ספינקס.

יעדער בוים מיט זיינע סודות,
יעדעס צווייגעל מיט זיין טרוים...
נאָר די סודות ווייסט ניט קיינער,
ווייל אַ ספינקס איז יעדער בוים.

ווען צום ערשטען מאל — מיין ליבסטע
איבערטרעטען וועט מיין שוועל —
גרינע ליכט און הויטע ליכט,
וועלען ברענען אין מיין צעל...

און מיט גרוס פון פעלד און הימעל,
אַ מאַגנאָליע דופטען וועט.
שטעלען וועל איך זי צוקאָפּענס,
פון מיין זייבער, פורפור-בעט,

און איך וועל דאס פענסטער עפ'נען,
פאר די ווינטלעך פון די בערג.
און די שטערען, די לבנה
וועלען זיין מיין פייערווערק!...

פאר מיין ליבסטעס קליינע פיסלעך,
שפּרייטען וועל איך אויפ'ן פאָל,
אַ געשטריקטען ווייסען טעפּיך,
פון די קלאָהרסטע ציגען-וואָל...

און די סודות פון איהר קערפער,
זעהען וועט נאר בוים און צווייג.
— איך באשווער אייך, בוימער-ספינקסען,
ניט ענטדעקט אונז! מאַכט אַ שווייג!...

ווייל מיין ליבסטע האט א זיידען,
מיט א לאנגער ווייסער בארד—
וועט ער שעלטען און וועט שרייען,
אז מיר האבען ניט געטאהרט!...

ווייל מיין ליבסטע האט אַ באבע,
איז זי טויב און קרום און בלינד—
וועט זי שעלטען און וועט שרייען:
— ס'איז אַ גרויסע, גרויסע זינד!...

ווען צום ערשטען מאל— מיין ליבסטע
איבערטרעטען וועט מיין שוועל—
גרינע ליכט און רויטע ליכט,
וועלען ברענען אין מיין צעל...

ריבּען

פארגלוסט זיך מיר צו זוכען ריבען,
אז איך זאל זיך דארט פארליבען!—
אט ווי ס'איז געווען:
אין וואלד צעווישען הויכע בוימער,
שטעהט דאס שטיבעל פון דעם שומר,
שטעהט זיך עם אליין.

און די טאכטער פון דעם שומר,
איז אַ בוים צעווישען בוימער—
יונג און שעהן און שלאנק.
ווען עס הויבט דער וואלד אן זינגען,
הערט זיך אויך איהר שטימע קלינגען,
אין דעם וואלד-געזאנג.

פליסט א ריטשקע אין דעם וועלדעל.
יעדער קנייטש און יעדעס פעלדעל
פון דעם וואסער— רופט...
און אַ פעלזען ביי דעם וואסער,
זעהר אַ פרומער און אַ בלאסער,
הויבט זיך אין דער לופט.

ווען איך האב געקליבען ריבלעך,
האט דער וואלד געדופטעט ליבלעך,
און מיך מיד געמאכט—
וועל איך ביי דער ריטשקע זיצען,
און דער פעלזען וועט מיך שיצען—
האב איך מיר געטראכט.

ליג איך מיר בײם ברעג פֿון ריטשקע.
פלוצעם, פאלט אראפּ אַ קליטשקע,
גלײך צו מיר אין שױס...
װער זאל איצטער שטריקען, העפטען,
אױף דעם פעלזען, אין דער לופטען?—
איז מײן װאונדער גרױס.

הײב איך אױף צום שטײן די אױגען—
גאט!— מײדעל-פיסלעך אױסגעצױגען,
גליטשען זיך פֿון פעלזען פלינק!...
איז דאס אפשר אַ ניט-גוטער?—
נײן! די טאכטער פון דעם היטער!
גלײך אױף מיר— אַ שפרינג!..

כ'הױב זיך אױף און שטעה און ציטער:
— טאכטער פון דעם װעלדעל-היטער,
ס'איז ניט שעהן פון דיר!...
כ'האב אראפּגעלאזט דאס קנײבעל,
און די קליטשקע גלײך אין טײבעל—
שמײכעלט זי צו מיר...

און דעם שומר'ס שעהנע מײדעל,
טראגט קײן בליוזקע, און קײן קלײדעל,
נאר אַ העמד און פארטעך...
פרעג איך זי: דו שעהמסט זיך גארניט?
געהסט דאך נאקעט, און מען טאהר ניט!—
ענטפערט זי: װאס אַרט מיך!...

זעה דעם דעמב און די בעריאזקע,
טראגען אױך קײן קלײד, קײן בליוזקע,
נאר אַ העמדעל-גרין...

נעמען מיר די קליטשקע זוכען. . .
ביידע בויג׳ מיר זיך און קריכען
אהער, אהין. . .

און צעווישען גרינע קוסטען,
פלאטערען צוויי קלאהרע ברוסטען,
קלאהר ווי עלפאנט-ביין. .
פארגלוסט זיך מיר צו זוכען ריבען,
אז איך זאל זיך דארט פארליבען—
אט ווי ס׳איז געוועז!. . .

בענקשאפט
און אנגסט

עס מאַכט זיך אַ ניגון...

עס מאכט זיך אַ ניגון...
דו ווייסט ניט פון וואנען ער בלאנזעט—
נאר פיהלסט, ער איז עלענד,
און עפענסט דיין הארץ אויף,
און לאזט איהם זיך טוליען, זיך לאסטשען...
און קוקסט...
וואס קוקסטו? וואס זוכסטו?
וואס איז דען א ניגון?—
אַ שטאמעל. אַ רוישעל.
ס'האט ערגעץ אַ טייכעל געחלשט...
פון תאוה?
באגינען?
ווער ווייסט.

עס מאכט זיך אַ ניגון,
דו ווייסט ניט פון וואנען, נאר טראכסט דיר:
צי כליפעט אַ ווינטעל?
צי פלאטערען בלימלעך?
צי איז דאס דער זשום פון אַ וואלקען,
וואס שוואנגערט מיט כישוף, מיט גרויען,
פארפרוירענער כישוף?——
צי האט גאר דעם ניגון,
א מיידעל פארלוירען,
אין ראזעווען פלאנטער,
פון שיין און פון שטראלען,
ווען די זון ווערט פארהוילען,
און ס'קערט זיך דער טאג אפ?

צי איז ניט דער ניגון,
דעם מיידעלס אַ בענקשאפט,

צו ווערען באַפּרוכפּערט,
אַ מיידעל, אַ יונגע, אַ קינד נאָך?

צי רופט ניט דער ניגון,
דער דורשטיגער ניגון:
—קום, בחור, קום, בחור,
וועסט זעהן מיינע ברוסטען,
קליינינקע, רונדע,
מיט שפּיצעלעך ראזע—
קום, בחור, און זויג מיינע ברוסטען!...
קום, בחור, איך גלוסט דיך,
אַ דינינקע בין איך—
כ'האָב דיכען געטאַקטע,
און בויגיגע לענדען...

—וואס טראַכסטו?
עס מאַכט זיך אַ ניגון,
דו ווייסט ניט פון וואנען ער בלאָנזשעט,
נאר פיהלסט, ער איז עלענד,
און עפענסט דיין האַרץ אויף,
און לאזט איהם זיך טוליען,
זיך לאַסטשען...

ז׳איז פון פענסטער...

ז׳איז פון פענסטער אפגעשפרונגען,
וױ אַ שמעטערלינג.
און די ברעמען אײנגעצױגען,
און געװארען בעז...

— מאַמע, מאַמע! זאג איהם עפּעס!
שטענדיג קומט ער הער,
און ער טוליעט זיך צום בױמעל,
װאס פאַר אונזער שטוב!

און זי האט זיך אײנגעגראבען,
אין דער מאַמעס שױס,
מיט די רוליעס, מיט די אױגען,
מיט איהר יונגער ברוסט...

— מאַמע, מאַמע! זאג איהם עפּעס!
כ׳װײס ניט װער ער איז,
נאר איך זעה איהם בײ מײן פענסטער,
שטענדיג װען איך זינג!...

און די אַקסלען איהרע רונדע,
ראָז אזױ װי א בלום—
האָבען צערטליך אױפגעציטערט,
און זיך אפגעדעקט...

. . . .

מײדעל, מײדעל, שעהנע מײדעל!
שרעק דיך ניט פאַר מיר...
װען זאָלסט װיסען װי כ׳בין עלענד,
װי איך בין פאַרבענקט!——

פרעמדע מיידעל! דיינע אַקסלען,
האָבען מיך פאַרבלענדט...
לאָז, איך וועל דיין שוואַרצע בלוזע
זיי ניט, מיידעל, בעז!..

לאָז, איך וועל דיין שוואַרצע בלוזע,
לאנגזאם דיר אויסטהון,
און איך וועל זיך לאַסטשען, לאַסטשען,
צו דיין הייסער ברוסט...

כ׳בין א עלענד אידיש איינגעל,
שרעק דיך ניט פאר מיר—
משה היים איך, טהייל מאָל וויין איך,
ווייל איך בין פאַרבענקט...

כ׳האָב אין דר׳היים אַ טאַטע-מאַמע,
כ׳האָב אַ באָבע אויך...
פייגע הייסט מיין אַלטע באָבע,
ווי זי האט מיך ליב!..

מיידעל, מיידעל, שעהנע מיידעל!
שרעק דיך ניט פאַר מיר—
ווען זאָלסט וויסען, ווי כ׳בין עלענד,
ווי איך בין פאַרבענקט...

דאָס מיידעל פאַרטרוימטע...

דאָס מיידעל פאַרטרוימטע אין ווייסען,
איז היינט ניט געקומען אין גאָרטען.
עס שטעהען די בוימער פאַראימערט,
מיט אויגען צום הימעל פאַרבענקטע.
און ס׳האָבען די בלומען פאַרטראַכט זיך,
און שווייגען אַ עלענדען שווייגען.
די מירטען-אַלעע פאַרגעהט זיך,
און שטרעקט איהרע צווייגען מיט רחמים —
דאָס מיידעל פאַרטרוימטע אין ווייסען,
איז היינט ניט געקומען אין גאָרטען...

דאָס מיידעל פאַרטרוימטע אין ווייסען,
בליפּעט און וויל זיך ניט טרייסטען!
— אָ, מאַמעלע, גיב מיר דאָס מעסער,
וועל איך אַ קבר׳ל גראָבען...
מיין טייבעלע איז היינט אויסגעגאַנגען,
אין טויבענשלאַק ליגט עס אַ קאַלטע.
אָ, מאַמעלע, וואָס פאַר א בלימעל,
זאָל איך ביים קבר׳ל פלאַנצען?
דעם ווייסען יאַסמין צי מאַגנאָליע?
לאַנדישלעך, צי מאַרגאַריטקעס?
דאָס מיידעל פארטרוימטע אין ווייסען,
בליפּעט און וויל זיך ניט טרייסטען...

און ס׳שטעהען די בוימער פאַראימערט,
מיט אויגען צום הימעל פאַרבענקטע.
עס האָבען די בלומען פאַרטראַכט זיך,
און שווייגען אַ עלענדען שווייגען...

און ווי ...

און ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט —
און אַלעס בלייבט פאַרטיקט, פאַרטראַכט,
דוכט מיר אויס אַז עמיץ לאַכט,
אַ געל געלעכטער, אַהין-אַהער,
אין הימעל-פּרייט און אין זיין לענג...
ווער לאַכט? וואָס לאַכט? איך ווייס ניט ווער!
איך בענק...
און ווען עס ווערט שוין פינסטער-שטאָק —
פאַרהיל איך זיך אין שוואַרצען ראָק,
און געה —
אין קלויסטער שטאַרבט דער לעצטער גלאָק.
אין האַרצען וועבט זיך זיסער וועה.
אזוי פיעל מיידלעך אויף דער גאַס!
די אַפּלען מיינע דוכט זיך — נאַס...
— מיידעל, מיידעל, קום צו מיר!
כ׳האָב פאַרגרייט מיין צעלט פאַר דיר,
און א געשאַנק — דאָס איז מיין שיר...
און אויך מיין האַרץ, און בחור-לוסט,
נעהם ביי מיר וואָס איך פאַרמאָג!
שפּאַר דיין קאָפּ אָן אויף מיין ברוסט,
און זיץ אזוי מיט מיר ביז טאָג!

. . . .

עס פאַלט אַליין צו די שווארצע נאַכט.
שטעהט א וועלט פאַרטיקט, פאַרטראַכט.
אין האַרצען וועבט זיך זיסער וועה —
איך געה און געה...

כ'האָב געקענט...

כ'האָב געקענט אַזוי פיעל לידער,
האָבען אַלע מיר דערעסען,
נאָר איין ליד איז מיר געבליבען —
און איך וועל עס ניט פאַרגעסען!

נאָר איין ליד איז מיר געבליבען —
די פאָרניאַלע אויפ'ן פלויער,
ס'איז דאָס ליד אין בעסאַראַביע,
פון דעם פאַסטוך און פון פויער...

טירל-לירל... טירל-לירל...
זינגט דער פאַסטוך בין-השמשות,
ווען עס צאַנקען ערד און הימעל,
און עס פאַלט דער טאָג חלשות...

ס'איז געווען אַמאָל א פאַסטוך,
נאך א קינד צעווישען קינדער,
פלעג ער פאַשען ביי זיין טאַטען,
לעמלעך, ציגלעך, שאָף און רינדער...

טירל-לירל... טירל-לירל...
האָט דאָס פאַסטוכעל פאַרלוירען,
זיינע שאָף און זיינע רינדער! —
— וואַליו!.. וואַליו!.. טהוט ער טרויערן.

וואַליו!.. וואַליו!.. קלאָגט דער פאַסטוך —
ועה ז'מיין לעבען! וועה ז'מיין לעבען!
ווער ס'האָט מיינע שאָף געפינען —
בעט איך, מיר זיי אָפּצוגעבען!..

שפּאַנט ער איין — מיט הייסע טרעהרען —
זיין קליין לאָשעקל אין פיהרעל,
און ער פאָהרט די סטאַדע זוכען,
טירל-לירל... טירל-לירל...

זוכט ער, זוכט ער און געפינט ניט,
זעהט ער, ס'פאָהרט אַ וואָגען דערנער —
מיינט דאָס פאַסטוכעל דאָס קליינע,
ס'איז פון שעפּעלעך — די הערנער!..

זוכט ער, זוכט ער און געפינט ניט,
זעהט ער ס'פאָהרט אַ וואָגען שפּיסלעך —
מיינט דאָס פאַסטוכעל דאָס קליינע,
ס'איז פון שעפּעלעך — די פיסלעך!..

וואַליו!.. וואַליו!.. שרייט דער פאַסטוך,
וועה ז'מיין לעבען! וועה ז'מיין לעבען!
ווער ס'האָט מיינע שאָף געפינען —
בעט איך, מיר זיי אָפּצוגעבען!..

געהט אַ מאָלדאַוואַן אין אווענד
פון דער אַרבייט אין זיין גאָרטען —
האָט געשניטען ווייץ, פּאַפּשויעס,
און צעלעגט אין סנאָפּעס דאָרטען...

זינגט דער פויער די פּאָרניאַלע,
ענטפערט אָפּ א צווייטער פויער —
און עס פלאָנזען זיסע טענער,
טירל-לירל — פון דעם פלויער!..

אָ, מיין ליבע בעסאַראַביע!
ווי איך בענק נאָך דיינע וועגען!
אויף די בערגער דיינע לויפען,
אין די גראָזען זיך צולעגען!..

וואו דער פאַסטוך שפּילט פאָרניאַלע,
איינזאַם, עלענד, פול מיט טרויער—
און כ׳זאל אויסגעהן ווי די טענער,
פון דעם פראסטען, מילדען פלויער!...

כ׳האב געקענט אזוי פיעל לידער,
האבען אלע מיר דערעסען,
נאר איין ליד איז מיר געבליבען—
און איך וועל עס ניט פארגעסען! — — — —

ס'האָט אַ שד...

ס'האָט אַ שד פאַרפאַסט אַ דראַמע —
איז איהר נאָמען: משה'ס הארץ.
די אַקטיאָרען זענען רוחות,
טראָגען מאַנטלען חושך-שוואַרץ.

וועדמעס טאַנצען שרעק-מאַזורקעס,
און דער כּליזמר איז אַ שד.
צ'ישען אַלע דרעהט זיך לילית,
אין אַ שוואַרצען טוליען-קלייד.

לילית שפּילט מיין ליבסטעס ראָליע —
אין איהר האַנד אַ זידינ הארץ...
ווי זי בייסט עס! ווי זי שמייכעלט!
טראָפּענס טריפען, טראָפּענס שמאַרץ———

און מיין ראָליע שפּילט דער שטן,
ווערט פון אַלע אויסגעלאַכט.
יעדע וועדמע וואַרפט איהם גיפטיג,
שטיקער קללה, ושמעניעס נאַכט!

ס'האָט אַ שד פאַרפאַסט אַ דראַמע—
איז איהר נאָמען: משה'ס הארץ.
די אַקטיאָרען זענען רוחות,
טראָגען מאַנטלען חושך-שוואַרץ...

דער לייב.

אלע יאהר דערהערט דאס דערפעל,
ווי אַ חיה רעוועט שטארק;
ס'איז דער בעזער לייב וואס נידערט
פון דעם בארג!

שליסען מענשען טיהר און טויער,
און אין קעלערס זיך פארשפאַרט.
און דער לייב אין מיטען דערפעל,
שטעהט און וואַרט:

עפענט עמיץ אויף דעם לאדען—
הערט זיך באלד דעם לייבס אַ ברִיל,
פאלען אלע אום דערשראקען
אויף דעם דיל.

שמעקט א קוה ארוים פון קאמער—
הערט זיך באלד דעם לייבס אַ פּראַל,
פאלען אלע קיה און קעלבער
אין דער שטאל.

ווּעמען וויל דער לייב פארצוקען?
ווּעמען לויערט ער, דער לייב?
קיינעם וויל דער לייב פארצוקען!
זוכט קיין רויב!

ווּעמען דאך וויל ער פארצוקען?
ווּעמען דראהעט זיין געשריי?
דעם ציגיינער! דעם ציגיינער!
טימאָפיי!

און דער לייב איז ניט קיין חיה,
נאר אַ קינד פון מאן און פרוי.
און געטראפען האט די מעשה
אַט אזוי —

טימאפיי איז אַ ציגיינער,
און ציגיינער זענען שלעכט.
און זיי האבען שווארצע אויגען
ווי די נעכט.

און זיי האבען ווייסע ציינער,
און געשטרעקטע, ברוינע נעז!
און זיי קאנען שפרוך און כישוף,
אַל דאס בעז.

און זיי כאפען פרעמדע קינדער,
ווען די קינדער זענען קליין —
און מען קנייפּט זיי און מען פייסט זיי
מיט די ציין.

און מען ברעכט זיי אויס די קנאָכען,
און מען גלייכט זיי אויס צוריק;
און מען לערנט מאכען קונצען
אויף אַ שטריק.

טימאפיי האט אומגעוואנדערט
מיט זיין וואגען אויף דער וועלט.
און מיט קונצען אנגעזאמעלט
גרידעס געלט.

אין דעם וואגען צוואנציג קינדער,
אלע נאקעט אהן אַ העמד.
ניינצעהן קינדער זענען אייגען,
איינס נאר — פרעמד.

און דאס איינע איז אַ מיידעל,
אונ דאס מיידעלע איז שעהן,
וואו אַ גלידעל — אויסגעבראכען,
וואו אַ ביין.

אנגעקומען אין אַ דערפעל,
ציהט מען באלד אויף א געצעלט,
און פאר גויים מאכט מען קונצען —
מאכט מען געלד.

דער ציגיינער טאנצט און ברעכט זיך,
זיינע ווייבער שפּרעכען אפּ,
און די קליינע קינדער געהען —
אויף דעם קאפּ.

און די פּרעמדע שעהנע מיידעל
ציהט זיך אן אַ לייבען-פעל —
און אַ טענצעל אויף צוויי לאפּעס
טאנצט זי שנעל.

מיינען אלע, ס׳איז אַ לייבין,
קוקען אלע אן מיט שרעק —
דרעהט די לייבין איין מאל, צוויי מאל,
מיט דעם עק.

נאכדעם ציהט זי אויס די לענדען,
און זי טהוט זיך אַ פארנויג,
און אַ פינטעל צו דעם עולם
מיט איין אויג.

לויפט צו פלוצעם צו דער לייבין
דער ציגיינער טימאפיי,
און ער שלאגט זי מיט אַ רימען,
טהוט איהר וועה!

האבען אלע ליב די לייבין,
שטעהען מענשען קעפ אויף קעפ;
און מ׳איז בעז אויף טיטאפייען—
פאר די קלעפ.

ווען אַ בחור ווערט געוואוירע
אז די לייבין איז אַ מויד—
וואלט ער זיכער דעם ציגיינער
באלד געטויט.

און ער וואָלט זי אויסגעלעזען
פאר זיין פרוי— פאר לייט און גאט—
נאר ס׳האט קיינער ניט געוואוסט דאך
פון דעם סוד!

ווען די פרעמדע שעהנע מיידעל
איז געווארען זעכצען יאהר;
רונדע פים און פוכלע ברוסטען,
לאנגע האר—

האט דער שלעכטער טיטאפיי דאן
זי גענומען פאר אַ ווייב.
און געקושט די יונגע ברוסטען,
און דאס לייב.

און געפייניגט זי אין וואגען
פון דעם אבענד ביז — געטאגט.
האט געוויינט די שעהנע מיידעל
און געקלאגט.

האבען טיטאפייעס ווייבער
שטארק געאייפערט יענע פרוי;
און געשפרוכען און געכישופט
אט אזוי:

שטן שעלט זי—זאל געבוירען
ניט קיין מענש און ניט קיין מענש!
גאט, ניט בענש זי! שטן שעלט זי!
גאט ניט בענש!

נײַן מאנאטען שוין פאראיבער,
און דער שלעכטער טימאפיי
שלאגט נאך אלץ די גוטע לייבין,
טהוט איהר וועה.

פרובט די לייבין מאכען קונצען,
געהן אַ טענצעל רונד ארום,
נאר אזוי ווי זי פאַרנויגט זיך
פאלט זי אום.

פלאצט די לייבען-פעל אויף שטיקער
און די מיידעל ליגט אין בלוט.
געבען איהר אַ קינד אַ לייבעל,
ברילט מיט וואוט:

וואו דער טאטע? וואו ז'ער ערגעץ?
נאר דער טאטע איז אוועק;
זיך באהאלטען אין די בערגער
בלאס פון שרעק.

נאכגעיאגט האט איהם דאס לייבעל,
נאכגעיאגט און ניט דעריאגט,
און זיך אומגעקעהרט צור מוטער
און געקלאגט.

און געהיט דער מוטער'ס קערפער,
און ער היט איהם נאך אצינד,
פון די ראָבען און שאקאלען,
און פון הינד.

אלע יאהר דערהערט דאס דערפעל,
ווי אַ חיה רעוועט שטארק;
ס'איז דער בעזער לייב וואס נידערט
פון דעם בארג!

ווּעמען וויל דער לייב פארצוקען?
וועמען דראהעט זיין געשריי?
דעם ציגיינער! דעם ציגיינער!
טימאפיי! — — —

שטן שעלט זי — זאל געבוירען
ניט קיין מענש און ניט קיין מענש!
גאט, ניט בענש זי! שטן שעלט זי!
גאט ניט בענש!

ניין מאנאטען שוין פאראיבער,
און דער שלעכטער טימאפיי
שלאגט נאך אלץ די גוטע לייבין,
טהוט איהר וועה.

פרובט די לייבין מאכען קונצען,
געהן אַ טענצעל רונד ארום,
נאר אזוי ווי זי פאַרנויגט זיך
פאלט זי אום.

פלאצט די לייבען-פעל אויף שטיקער
און די מיידעל ליגט אין בלוט.
געבען איהר אַ קינד אַ לייבעל,
ברילט מיט וואוט:

וואו דער טאטע? וואו ז'ער ערגעץ?
נאר דער טאטע איז אוועק;
זיך באהאלטען אין די בערגער
בלאס פון שרעק.

נאכגעיאגט האט איהם דאס לייבעל,
נאכגעיאגט און ניט דעריאגט,
און זיך אומגעקעהרט צור מוטער
און געקלאגט.

און געהיט דער מוטער'ס קערפער,
און ער היט איהם נאך אצינד,
פון די ראָבען און שאקאלען,
און פון הינד.

אלע יאהר דערהערט דאס דערפעל,
ווי אַ חיה רעוועט שטארק;
ס'איז דער בעזער לייב וואס נידערט
פון דעם בארג!

ועמען וויל דער לייב פארצוקען?
ועמען דראהעט זיין געשריי?
דעם ציגיינער! דעם ציגיינער!
טימאפיי! — — — —

כ׳בין, ווייזט אויס...

כ׳בין ווייזט אויס צו פריה געקומען,
אין מיין פראַק און אין צילינדער...
כ׳האָב געטראַפען אַ פּאָר זקנים,
און אַ צוויי-דריי קליינע קינדער!

וואו זשע זענען חתן-כלה?
וועמען זאל איך איצט באַגריסען?
קינדער לאַכען, מאַכען חוזק,
זקנים געניצען און ניסען...

ס׳איז אַ שמחה אָהן מחתנים,
און איך בין צו פריה געקומען—
דאָך, מיין שירה ווי זי רייסט זיך,
אין דעם זאָל, דעם לערען, שטומען!...

וואַרט זשע אַ רגע— איך וועל זינגען,
פאר דער שעהנער יונגער קעכין—
ז׳האט צוויי שווארצע הייסע אויגען,
וואס זיי שטעכען און דערשטעכען!...

כ׳וועל די שעהנע קעכין אַרמען,
מיט מיין פראַק און אין צילינדער—
און איך וועל מיין ליד איהר זינגען,
וועט מיר ווערען וייכער, לינדער!...

✻

די גענזעלעך...

די גענזעלעך בענקען נאך וואסער—
איז טרוקען דאס לאנד.
וועלען זיי איינס נאכ׳ן צווייטען,
פאלען ביינאנד...

יונגענקע גענזעלעך, אָרעמע!
הוים נאר און ביין...
אָט, שפאנט שוין די קאץ דארט פאמעליך,
און שטשירעט די ציין...

עמיץ גוס׳עט...

עמיץ גוס׳עט אין די הימלען —
קיינער ווייסט ניט — ווער.
וואלקענס גרייטען אַ לויה,
בעז און שווערר.

ס׳האט אין לופטען זיך פאַרצויגען,
פאַסמעס שוואַרץ.
און דער גוסס שעפּטשעט ווידוי,
קלאפּט זיך קוים אין הארץ...

העי! איהר חברה שווארצע וואלקענס!
גיכער! איילט אייך צו!
קוקט — ווי ס׳פאלען שטיקער נפש,
זינקען וואו ניט וואו!

זייט מקבר גיך דעם גוסס,
ווייל ער שעהמט זיך זעהר!..
עמיץ גוס׳עט אין די הימלען,
קיינער ווייסט ניט — ווער..

דאס בלינדע קעלבעלע...

דאס בלינדע קעלבעלע זויגט.
געשטרעקט דאס העלזעל, דאס דאַרע,
פארגלעזט די אויגלעך די שטאַרע—
רחמנות'דיג שטעהט עס און זויגט...

די מוטער, די קוה, שטעהט דערשלאגען.
באשעהרט איז געוועזען אז בלינד,
געבוירען זאל ווערען איהר קינד—
די מוטער, די קוה, שטעהט דערשלאגען...

אט געהט שוין דער בארפיסער שנײַ,
די קיה אין פעלד אריין טרייבען—
אליין וועט דאס קעלבעלע בלייבען!...
אט געהט שוין דער בארפיסער שנײַ...

שטעהט עס פארטראכט און מעריקעט.
מעריקען — איז קעלבערש געוויין...
אַ קעלבעל, א בלינדס שטעהט אליין—
מעריקעט זיך עלענד, מעריקעט...

עס צאַנקט...

עס צאַנקט מיין הארץ, איך בענק אזוי נאך גאט!
עס וויל זיך בעטען, בעטען...
איז ניטא קיין שול אין שטאדט —
די נשמה רעטען!

וואלט איך געהן צום טייך,
דארטען זוכען גאט —
איז דער טייך פארשייט,
ווייסט ניט פון קיין סוד...

פליסען וועט דער טייך,
ביז מיין טאטענס שטאדט —
און דערצעהלען איהם:
ס׳האט דיין זון קיין גאט!

וועט מיין טאטענס אויג,
לאזען שטיל אַ טרעהר...
און מיין מאמע, אָ! —
זי וועט וויינען זעהר!..

צאַנקט און צאנקט מיין הארץ —
איך בענק אזוי נאך גאט!..
ווער פארשטעהט מיך דען,
אין דער גרויסער שטאדט?...

די מדבר...

די מדבר שעלט.
די מדבר שעלט...

זי ציהט זיך איין, און שפרייט זיך אויס,
און מינעט זיך, און עטעמט קוים,
און שפייט מיט גיפט אין אייגען שוים,
און סטראַשעט הימעל ערד און רוים,
מיט הויפענס זאמד, מיט זשמעניעס האס,
מיט רויטען כעס!..

פאר וואס? פאר ווען?
וואס איז געשעהן?

עס ווייסט ניט קיינער אויף דער וועלט,
פאר וואס די מדבר שטעהט און שעלט...

כאפּט מיך, שדים...

כאפּט מיך, שדים, אָן גערעמט!
שלעפּט מיך מיט אין טויטען-בעדעל —
ניט דערשראָקען, ווילד-צעוואָרעמט,
וועל איך טאַנצען אין אייער רעדעל!

מיט די נעגעל, רוהיש וועל איך
פון דעם חושך שטיקער רייסען,
און צולעגען זיי פאַמעליך,
אויפ׳ן לאַנגען טיש, דעם ווייסען!..

מאָרגען וועלען מענשען קומען,
אַ פאַרשטאַרבען מיידעל וואַשען —
דעמאָלט, שדים, זאָלט איהר שטומען!
און ניט שפּרוכען! און ניט רעש׳ען!

לאָזט די שטיקער חושך שטאַרצען,
אויף איהר מויל און אויג און ברוסטען!
לאָזט זיי שטעהן פאַר עדות שוואַרצען
אויפ׳ן טויט פון יונגע לוסטען!...

און זאָל קיינער דעמאָלט וויסען,
אַז אַ מענש צעווישען שדים,
האָט פון חשכות ווילד געריסען,
שטיקער אומעט, טרויער-פעדים!

פאַלט אַנידער אויסגעצויגען,
אויפ׳ן דיל פון טויטען-בעדעל,
און פאַרמאַכט די בלויע אויגען,
פון דעם יונגען טויטען מיידעל!...

װען מען װעט זי נאכדעם טראגען,
מישען ערד מיט טויטע בתולים —
דעמאלט, שדים, הויבט אן קלאגען,
זאגט מיט מיר אַ בלעטעל תהלים!..

כאפּט מיך, שדים, אָן גנעאַרעמט!
שלעפּט מיך מיט אין טויטען-בעדעל —
ניט דערשראקען, װילד-צעװארעמט,
װעל איך טאנצען אין אייער רעדעל!...

נקמה.

דו ליבסט מיך שוין מעהר ניט. דו האסט מיך פארלאזט,
געבראכען מיין הארץ, מיין נשמה—
געדענקסט, ווי אין ליבע געווען בין איך ווילד?—
נאך ווילדער בין איך אין נקמה!

און ווייס, אז איך האב אויף דעם הייליגען אָרט,
צעהן אונטערטעניגע גייסטער!
ווען איינער פון זיי נאר אין גרימצארן קומט —
אַ בארג מיט די נעגעל צורייסט ער!

דען ווייס זשע, אונטרייע! אז נאך האלבע נאכט,
געה איך ארויף צום בית-עולם—
און װעל א באפעהל טהון דעם מנין פון טויט,
צו שאפען אַ מעכטיגען גולם!

געשאפען פון צעהן — האט ער קראפט וויפיעל צעהן,
וויפיעל דער מנין געשפענסטער!—
און דאן וועט דער גולם אין צימער צו דיר
אריינדרינגען דורך דיין פענסטער!...

דיך וועט ער צורייבען אזוי ווי אַ פליג,
דיין בחור צומערזשען, דערשטיקען!
און איך וועל באטראַכטען אייער בלוט ווי עס שטראמט,
און וועל מיט נקמה זיך קוויקען!..

כ׳האב אין זאמד...

כ׳האב אין זאמד געצייכענט ווערטער—
עמיץ איז פארביינעגאנגען,
און די ווערטער אפגעריבען...
כ׳האב אין פיעלע פרעמדע ערטער,
אויסגעזוכגען פיעל געזאנגען—
איינס איז דארט ניט איבערבליבען!...

עכאָס! עכאָס! ווידערקולות!—
אויך מיין לעבען איז אַ עכאָ
פון מיין לעצטען טאג דעם שווארצען!
כ׳האב געלעבט אהן שלעכטס, אהן וואוילעס,
מיט פארלאנגען פרומע, פרעכע,
מיט אַ זינדיג, עהרליך הארצען!..

וואלט איך ניט קיין איד געוועזען—
וואלט איך ניט אזוי געליטען,
פון מיין זינד און צניעות שטרעבען!..
ע! איך מאַך מיר ניט קיין וועזען!—
כ׳האב מיין וועג שוין אפגעריטען,
אויף מיין פערד פון לעבען!...

און מיין פערד— אַ ווייסער-שווארצער,
ווי מיין לעבען, ווי מיין הימעל...
איצטער ליגט מיין פערד שוין—גוס׳עט.
עמיץ שפרוכט מיר: שטאַרצע! שטאַרצע!
שטארב, דו גארניט! שטארב און שימעל!
זעהסט דעם טויט דארט, ווי ער פויזעט?...

זיבּעז זענען מיר...

זיבּעז זענען מיר געוועזען,
אהן מזלות, און אומגליקליך.
זיבּעז הערצער, פויל פון יאוש,
און צוריסען אויף שטיק-שטיקלעך!

איינמאל אין אַ נאַכט פון שטורעם,
האבּען מיר זיך אין טליתים
איינגעוויקעלט, און געלאזט זיך
צום בּית עולם, צו די מתים.

זיבּען זענען מיר געליגען,
אָנגעליינט אן די מצבות,
און געבּעטען צו דעם שטן,
און געשפּראכען ראשי-תבות...

— העלף אונז! העלף אונז, גרויסער שטן!
זיבּען מענשען טהו'ן דיך בּעטען,
זאלסט די זעלען זייערע פאנגען!
ווסט אונז טויטען — ווסט אונז רעטען!

זיבּען זענען מיר געשטאנען,
און געשאקעלט זיך, געבּויגען —
בּיז דער שטן איז פון דרום,
אויף א וואלקען אנגעפלויגען.

זענען מיר צו דר'ערד געפאלען —
און בּאפוילען האט דער שטן:
— ווארפט אראפּ דעם טלית-גדול,
ווארפט אראפּ דעם טלית-קטן!

צו דעם בלויען תכלת-פּאַדים,
האַב איך האַס און גיהנם-שנאה!
ווייל טליתים זענען חופּות,
פון יעהאָווא מיט דער שכינה!

איז דער שטורעם אונז באַפאַלען
און גענומען פון אונז ציהען...
האָבען מיר דערזעהן אין הימעל,
ווי טליתים פליהען, פליהען...

נאָכדעם זענען מיר געשטאָרבען,
אין די אָרעם פון דעם שטורעם.
ווער איהר זיבען קברים זעהן—
זענען אונזערע די קברים!

קיינער זאָל פאַר אונז ניט בעטען!
און ניט מקריב זיין קיין קרבן!—
איצטער זענען מיר שוין גליקליך,
ווייל מיר זענען שוין געשטאָרבען!...

משוגענער!...

משוגענער! — איך ווייס דיין סוד,
איך ווייס, איך ווייס, דו ביזט אַ גאָט!
דו האסט זיך בלויז אזוי פארשטעלט,
און ליגסט אליין אין דיין געצעלט.
דאס הארץ פארהילט אין אלטען זאַק,
און אין דיין רעכטער האנד — אַ האַק,
אין בלוט פארשמירט, אין בלוט אין שווארצס;
דאס האסטו זעלבסט צוהאקט דיין האַרץ,
און איצטער ליגסטו ווי אַ הונד,
און הערסט זיך איין ווי ס'שמאַרצט דיין וואונד!...

משוגענער! — איך זעה ביינאכט,
ווי ד'הויבסט זיך אויף פון דיל פארטראכט,
און טהוסט אַ מאַך מיט ביידע הענד,
און צייכענסט עפּעס אויף די ווענד,
ציפרען — פיעל, און סומען — גרויס...
און פלוצעם לויפסט אין גאס ארויס,
די אויגען רויט, פון מויל — אַ שוים,
און הויבסט זיך אויף אין ווייטען רוים,
און עטוואס שרייסט, מיט וועה און וואוט...
דאַן פאלט אראב דיין זאַק מיט בלוט,
פון ערגעץ פליהט אַ מאנטעל אן,
כאפסטו איהם, און טהוסט איהם אן;
אַ צויבער-מאנטעל, ניי און גאנץ,
פון פורפור-וואל און שטערען-גלאנץ...
און אויף דיין הארץ קיין וואונד ניט מעהר!
דיין קערפּער שטראַהלט און פינקעלט זעהר!
אַ קרוין פון דימענט אויף דיין קאפּ!...

נאר פלוצעם לאזטו זיך אַראָפּ,
און לויפסט אריין אין דיין געצעלט,
פון עפּעס וואס, געיאגט, געקוועלט,
און הילסט זיך איין אין זאַק און שרייסט,
און שטעהסט און רייסט די האר, און רייסט!...
און כאפּסט די האַק מיט ווילדען כוח,
און האַקסט זיך אויף דעם גאנצען מוח,
און שאַרסט די גירען מיט די הענד,
און ווישט דעם מאַרעך אויף די ווענד...
און נאכדעם פאלסטו אויפ'ן דיל,
און וויינסט אין שטיל, און וויינסט אין שטיל...

אויף מיין...

אויף מיין קבר וועט קיין גראז ניט וואקסען.
גרינע יאשצעריצעס וועלען דארטען שפראצען!
זשאבעס... שווארצע זשאבעס וועלען דארטען אויפגעהן,
און זיי וועלען פלאצען!

אויף מיין קבר וועט קיין גראז ניט וואקסען,
און קיין איינציג בלימעל.
הענגען וועט א כמארע שטענדיג,
אונטער יענעם הימעל!

קיינער וועט ניט קומען —
אויף מיין קבר קלאגען.
ראבען! שווארצע ראבען וועלען דארטען,
נעכטיגען און טאגען!

און א שווארצער הונד וועט האלבע נאכט,
אויף מיין קבר קומען—
און וועט רויהען אין מיין בערגעל,
און וועט ברומען, ברומען. . .

מיין אומה.

פון די אידישע...

פון די אידישע מזבחות
איז געבליבען ערגעץ איינער.
וויינען דארטען טויטע קוילען,
קלאגען דארטען אלטע שטיינער...

און צופוסענס פון מזבח,
וואלגערט זיך אַ גרויסער קרבן;
לאנג געקוילעט און צעשניטען,
און איז דאך נאך ניט געשטארבען...

און עס קומט אַ רשע הינצו,
זעהר אַן אכזר און אַ שיכור—
און מיט חוזק און רציחה,
טרעט ער אויף דעם קרבן׳ס שטיקער...

און עס סטראַשעט איהם דער קרבן:
אַלצדינג פיהל איך... אלצדינג זעה איך...
קלאגען שטיל די אלטע שטיינער,
רינען טרעהרען פון מזבח...

אויף דעם וועג...

אויף דעם וועג וואס פיהרט צום טייכעל,
וויין איך נאַכט-פּיינאַכט.
דארטען שטעהט אַ עלענד שטיבעל,
שטעהט עס און עס טראכט...

אלע וויסטע עלענד-שטיבלעך
טראכטען ביטער, שווער —
נאר דאס שטיבעל וואס ביים טייכעל,
טראכט פון אלע מעהר...

עפּעס האט עס שווארצע סודות,
עפּעס ווייסט עס וואס...
אונזער שטיבעל! עלענד. חרוב.
האט קיין בעל-הבית...

און אין פענסטער בלינדער חושך,
טהיר און טויער פארמאכט...
אויף דעם וועג וואס פיהרט צום טייכעל,
וויין איך נאַכט-פּיינאַכט...

צעבראכען דאס גלעזעל...

צעבראכען דאס גלעזעל שוין אונטער דער חופה.
וואס וויינט דארט דער חתן, די כלה?
וואס וויינט טאטע-מאמע? וואס וויינען די פריינד
דארט?
וואס האבען פארטרויערט זיך אלע?

און ס'האבען די קליינינקע קינדער פארטראכט זיך,
און זענען פארגאפטע איינשוויגען...
און שלינגען די טענער פון פלייט און פון פידעל,
פון אומעט-געצויגענעם ניגון...

און ס'האט אויך דער הימעל דער בלאסער פאר-
קלעהרט זיך,
און וויינט אזוי שטיל און באשיידען,
און דעמערונג ווייכען פארשפרייט איבער סודות
פון אידישער בענקשאפט און ליידען...

— וואס וויינט איהר, אָ, אידען? עס איז דאך אַ שמחה!
איהר געהט דאך אצינד פון אַ חופה...
גו, שפילט זשע אַ פרעהליכס! און אלע צוזאמען,
מיר זאלען אַ טאנץ טוהן, אַ הופע!

און גיסט אָן די גלעזער מיט וויין, פונ'ם רויטען!
און ביר ברענגט! אי וויסען אי שווארצען!...
— ניין שפעטער. ניין שפעטער. אצינד איז די רגע,
פון באנג און פון טרעהרען פון הארצען...

דער בית-דין אין יבנה האט מתקן געווען,
אויף אונזערע שמחות צו טרויערן,
אויף לאנגסטיגע יאהרען פון גליק און פון פרייהייט,
וואס זענען פארלוירען, פארלוירען...

אַ טרעהר פאַר'ן לאַנד, און אַ טרעהר פאַר'ן מקדש,
אַ טרעהר פאַר געשענדעטע ספרים...
נו, גיס זשע אויס, פידעל, אַ אידישען ניגון,
אַ הספד אויף הייליגע קברים!..

אַ טרעהר פאר'ן לאנד, און אַ טרעהר פאר'ן מקדש,
אַ טרעהר פאר די הייליגע מויערען!..
דער בית-דין אין יבנה האט מתקן געווען,
אויף אונזערע שמחות צו טרויערען...

כ׳וועל די פאות...

כ׳וועל די פאות לאזען וואקסען,
אוןֿ פארלאזען זיך אַ באָרד —
און זיך זעצען פאר׳ן שטענדער,
טעג און וואכען זיצען דארט.

רעכטס דער עמוד, שולחן, מנורה,
און דער ארון-קודש — לינקס.
אין דעם טלית אין די תפילין
וועל איך זיצען ווי אַ ספינקס!

פלוצעם וועל איך נעהמען שרייען,
בלוט פון האלז און בלוט פון נאז!
און צו וועמען וועל איך שרייען?..
און פאר וועמען, און פאר וואס? —

און מיין בלוט וועט גיסען, הוזשען,
פון מיין מויל און פון מיין אויג —
און פאר וועמען נוצט מיין תפילה?
מיין געבעט פאר וועמען טויג?..

וועט דער שטן זיך באווייזען,
און באטראכטען מיך מיט שפאָט —
וועט אַ פייער-צינג מיר שטרעקען:
ס׳איז ניטא שוין מעהר קיין גאט!

איך דער שטן — איך בין הערשער,
איבער הימעל איבער ערד! —
וועל איך ווארפען מיינע תפילין
און דעם טלית צו דער ערד!

און וועל פליקען באָרד און פּאות,
און די הויט פון מיין געביין...
ווען אַ בינטעל הוילע ביינער,
פון בית מדרש ארויסגעהן!

א סקעלעט וועט אייביג וואנדלען,
אהן אַ גרעניץ, אהן אַ מאָס!
און וועט טרעשטשען, און וועט ליידען,
און פאר וועמען און פאר וואס?..

גיסט אן גויים...

גיסט אן, גויים, נאך אַ גלעזעל!
איצטער זענען מיר דאך פריינד...
ווער דארף וויסען אז אין הארצען,
זענען מיר פון שטענדיג פיינד!...

אלע זענען מיר בחורים,
יונגען פעסטע, קרעפטיג, פריש!
ווער עס וועט מיין האנד איינבויגען—
גיב איך יענעם זיבען קיש!..

גיסט זשע, גויים, אָן דאס גלעזעל,
זאל זיין נסך— ס׳איז קיין זינד!
כ׳וויל אַ רגע כאטש פארגעסען,
אז איך בין אַ אידיש קינד!...

כ׳וויל אַ רגע כאטש פארגעסען,
אין מיין מאַמעס וויגעל-ליד:
—שלאף מיין זוהן, מיין קראנקער, שוואכער,
שלאף און וויים, דו ביזט אַ איד!...

כ׳וויל אצינד פון גארניט וויסען—
ניט פון גלות, ניט פון יאָך!
גיסט אן, גויים— מעג זיין נסך!
גיסט אן נאך, און נאך, און נאך!...

ווער מיר גלות! וואס מיר גלות!
ס׳איז באשעהרט פון גאט אזוי!
איך האב ליב די בלאָנדע מאַרטאַ,
כאטש איהר טאטע איז אַ גוי!...

פּולט זשע, יונגען, אָן דעם בעכער!
ווײַן און יוגענד איז קײן שאנד!...
נאַט און זעהט — איך נעהם דאס גלעזעל,
און צעקוועטש עס אין מײַן האנד!..

און די שטיקלעך גלאָז צערײַב איך,
מיט די פינגער, ווי אַ פליג!...
זאל דאס בלוט מײַנס רינען, רינען —
ס'וועט נאך בלײַבען גאנץ גענוג!...

גיסט אן, גוײם, נאך אַ גלעזעל!
איצטער זענען מיר דאך פרײַנד...
ווער דארף וויסען אז אין הארצען,
זענען מיר פון שטענדיג פײַנד!...

שפרייזט און יאגט...

שפרייזט און יאָגט דער אלטער תשבי,
איבער בערג און איבער טאהלען,
די בשורה פון ערלעזונג,
אנצוזאגען פאַר ישראל'ן—

שוין צעבראכען האט אין הימעל
גאָט דעם טרעהר-און-טרויער בעכער,
און געצונדען טויזענד זונען,
און גערופען הויך און העכער:

צו דיין פרייהייט! צו דיין גאולה!
גרייט דיך, גרייט דיך פאלק מיין ליבער!
כ'האב פארלענדעט נאכט און שאטען,
און דער שטורעם איז פאראיבער!...

כ'האב דערוועקט דיין מארגענשטערן,
און דיין עלענד וועל איך טרייסטען!..
און פאר דיינע וואנדער-קינדער,
וועל איך בויען נעסטען, נעסטען...

כ'האב פארלענדעט נאכט און שאטען,
און געצונדען טויזענד זונען—
וועלען זיי דיין וועג באלויכטען,
ביז דו וועסט דיין היים געפונען!...

שפרייזט און יאגט דער אלטער תשבי,
איבער בערג און איבער טאהלען,
די בשורה פון ערלעזונג,
אנצוזאגען פאר ישראל'ן...

ווער האט עס...

ווער האט עס אין מיט פון דער נאַכט
באלויכטען מיין הימעל מיט פלאמען?—
דאס האט דאך מיין אומה ערוואכט;
אָ, זינגט מיט מיר שירה צוזאמען!

אט בין איך געגאנגען אין מארק,
און פלוצעם אַ נביא געווארען!
שטייגט, אלע, נאך מ י ר אויף דעם בארג,
און קומט אויפ׳ן רוף פון מיין האָרן!

און האלט איין דעם אָטעם און שווייגט,
אַ שווייגען פון פלאם און קדושה!
בלויז אויגען!.. בלויז פינגער! — — שטיל צייגט
אויף מזרח! אויף אונזער ירושה!

בלויז אויגען!.. בלויז פינגער — שטיל צייגט
קיין מזרח, צום לאנד פון די זונען!
עס רופען די בערג אונז — נו, שטייגט!
עס רופט אונז דאס פעלד און דער ברונען!

עס רופט אונז דער טייטעל, דער פייג!
עס רופט אונז דער שייער און קעלטער
דערקענען וועט אונז יעדע צווייג,
דען יונג איז די אידישע עלטער!..

און האלט איין דעם אָטעם וואס גליהט
מיט חדוה, מיט פורכט און מיט פלאַטער
נאר פלוצעם זאל פלאצען דאס ליד,
אַ ריס טהון זיך ווי פון אַ קראַטער!

און ס'זאל – ווי אַ ים אומגעשטערט –
זיך טראגען אלמעכטיג, מיט שטורעם!
ביז שפאלטען-זיך-שפאלטען די ערד,
און עפענען זאלען זיך קברים!...

דאס זינגט דאך אַ אומה אין קאהר!
דאס זינגט דאך דאס פאלק פון לוויים!
אַ נס איז געשעהען: דער דור
איז געווארען נביאים, נביאים...

און יענע וואס זענען נאך בלינד,
און זעה'ן ניט דעם הימעל, דעם בלויען -
זאלען זיי בלייבען ווי הינד,
און שטארבען אין גלות אין גרויען!

און יענע וואס זענען נאך טויב,
און וויל' ניט הערען מיין שאַלען –
זאלען זיי בלייבען צו רויב,
פאר קעץ און פאר גלות-שאַקאַלען!

אט בין איך געגאנגען אין מארק,
און פלוצעם אַ נביא געווארען!
שטייגט, אלע, נאך מיר אויף דעם בארג,
און קומט אויפ'ן רוף פון מיין האָרן!...

געשיכטע.

I.

איז געווען אַ פאלק אין גלות און געליטען...
ברידער! שפּילט דעם ניגון פון בית-עולם און פון נאַכט און ווינטער!
רעכטס אַ פּיאנא. לינקס אַ אָרגעל. און אַ סאָווע שטעלט אין מיטען,
זאל די סאָווע קלאָגען— און איהר העלפט איהר הינטער!

זעצט אוועק אַ קראַנקען זקן ביי דעם אָרגעל!
זאל ער שפּילען כליפּ-ניגונים, קברים-טענער— און אַ מידער
זאל ער פאלען צו דער ערד און בלוט פון גאָרגעל,
זאל זיך גיסען ווי אַ טויט-אַקאָרד צו זיינע לידער!

איז געווען אַ פאלק אין גלות און געליטען—
בלוטע, זקן, בלוטע אויס אַ ניגון פון בית-עולם!
וואו אַ מאָנסטר, וואו אַ גולם האט אויף אונז געריטען,
און צום שטויב געבויגען... וואו אַ מאָנס ר, וואו אַ גולם!

II.

האט אַ גלות-פאלק צעריסען זיינע קייטען!...
ברידער! שפּילט אַ הימען! שפּילט אַ פרעליכס! שטארקער! פלינקער!
שטעלט אין צירקעל אויס די פידלען, ציטרעס און טראָמפּייטען,
פון דער רעכטער זייט דעם אָרגעל, און די פּיאנא פון דער לינקער!

זעצט אוועק די שענסטע יונג-פרוי ביי דער פּיאנא;
זאל איהר שירה זיין דאס ליד פון ענדע יאהרען!
און ניט וויינען וועט די סאָווע מעהר— די בת-היענה
וועט פארשווינדען מיט איהר פייניג ליד פון וויסטען צאָרען!

שלום! שלום! גליק און פרידען! און פארמיידען מעהר פון טויטען
וועט מען אונזער אומה אויף דעם וועלט-מזבח!
ס'האט אַ גלות פאלק צעריסען זיינע קייטען —
תהלים, ברידער! לאָמיר זינגען תהלים! הויבט אן: למנצח!..

ושנת גאולי באה!

בלאזט אין די שופרות פון מזרח ביז מערב,
און זאגט אן די בשורה איינער דעם צווייטען:
עס האבען די קינדער פון יעקב באפרייט זיך,
פון גלות, פון אנגסט, פון יאך און פון קייטען!

עס פלאטערט די אידישע פאהן שוין אין מזרח,
און ס'שפילט זיך אויף איהר שוין דער שטראהל
פון באגינען!
מיר האבען געזעעט מיט בלוט און מיט טרעהרען,
און שניידען מיר וועלען מיט אָדאַם און הימנען!

פרעהט אייך, אָ פרעהט אייך, איהר קינדער פון
יעקב!
זאל קלינגען אייער שיר איבער ימים און ערדען!
דער שענסטער פון דורות — איז אונזער נצחון:
מיר האבען געזיגט, ניט מיט שפיזען און שווערדען! —

אונזער איינציג כלי-זין — געוועזן איז דער ווילען,
און אונזער ארמעע — דאס אייביגע ליידען...
פרעהט אייך, אָ פרעהט אייך, איהר קינדער פון
יעקב,
מיט טרעהרען געזעעט — מיט ליד וועל'מיר שניידען!..

און וואו נאָר אַ בחור, אַ אידישער בחור,
און וואו נאָר אַ יונגפרוי פון אידישע טעכטער—
אין מאָרגענלאנד אַלע! פארגרייט אייך! פארברייט
אייך!
מיט פרייד און מיט שירה! מיט טענץ און געלעכטער!

און זאלען די אלטע, די זיידעס און באבעס,
פארשירען אויף פאראוים מיט תורות און פאָהנען...
זיי פלעגען אונז לערנען ווי אידען צו בלייבען!
זיי פלעגען אונז שטענדיג אָן ציון דערמאָנען!...

די אַלטע! די אַלטע! זיי פלעגען דערצעהלען
אונז מעשות פון פרייהייט, פון אייביגען שלום...
און איצטער — די מעשות זיי ווערען מקוים
די האָפנונג אונזערע — איז מעהר ניט קיין חלום!

פרעהט אייך, אָ פרעהט אייך, איהר קינדער פון
יעקב,
זאל קלינגען אייער שיר איבער ימים און ערדען!
דער שענסטער פון דורות — איז אונזער נצחון:
מיר האבען געזיגט, ניט מיט שפיזען און שווערדען!..

מלחמה.

JH 1930

97

ס'איז אַ טויט...

ס'איז אַ טויט אַראָפּגעקומען
אײַנגעהילט אין רויטען נעבעל,
און געעפענט זיבען טויערען
פון די אוצרות פּעך און שוועבעל.

און געעפענט זיבען טויערען
פון דעם גיהנם אונטער ערדען,
און צעלאָזט אַ מחנה שדים,
מיט געשטרעקטע בלאַנקע שווערדען.

און באַפוילען צו דער מחנה:
פלינקער! ווילדער! ניט געשראָקען!
קוילעט אוים די גאַנצע בריאה —
פון דעם בחור ביז דעם זקן!

פון דעם וויג-קינד ביז דער מוטער
פון דעם פערד און ביז דעם עזעל!
ניט געשוינט קיין בוים אפילו,
און קיין רייזעל און קיין גרייזעל!

וואַקסען הויפענס ביינער, איברים.
ציהען טייכען בלוט און טרערען,
און עס שווימט דער טויט אין מיטען,
און ער קוויקט זיך זאַט און גערן...

ענד-און-לענד און וויסט-און-לעדיג!
פלוך און חורבן! פּעך און שוועבעל!
ס'איז אַ טויט אַראָפּגעקומען,
אײַנגעהילט אין רויטען נעבעל...

באַלאַנגערט...

באַלאַנגערט דאָס שטעדטעל פון אַלע פיער זייטען,
און אונטערגעצונדען און איבערגעלאָזען.
אַ שטורעם געקומען, צעלאַכט זיך אויף קולות,
דאָס ברענענדע שטעדטעל נאך מעהרער צעבלאָזען.

פון ווייטען אַ בערגעל — און דאָרט דער בית עולם.
זענען די מתים אַרוים פון די קברים,
און שטעהען און שווייגען און זעהען צו אַלעס,
ווי ס'ליאַרעמט דאָס פייער אין שוים פונ'ם שטורעם...

און ס'צייכענט זיך גרויליכס אויף רויטען — אין הימעל.
דאָס איז דאָך דאָס אָפּבילד פון אומגליק און טרויער...
שוואַרצרויטע וואָלקענס אויף וואָלקענס אויף גרויע, —
וואָלקענס און רויך... אָ, וועלעכס איז גרויער!..

וואָלקענס און רויך — און ס'ליאַרעמט דער שטורעם!
דאָס ברענענדע שטעדטעל נאך מעהרער צעבלאָזען...
און ווייט — די טראָמפּייטען זיי שאַלען און דראָהען,
איז עמיץ געפאַלען — איהם איבערגעלאזען!

איז עמיץ געפאַלען — א נייע נשמה,
וואָס קלאַמערט זיך עלענד צום פּלויט פון בית-עולם...
און ס'שטעהען די מתים און קוקען פאַרוואונדערט:
וואָס איז דאָ! וואָס איז דאָ! רבונו של עולם...

און ס'בויגען אין שטיל זיך די מתים אריבער,
און זענען מקבל די פרעמדע נשמה...
און אַלע צוזאמען פאַרטוליען זיך ערגיץ:
די וועלט האָט געזינדיגט און גאָט נעמט נקמה!..

און ס׳וואַנדערט...

און ס׳וואַנדערט דער האַר פון דער וועלט אין די טאָהלען
פון אומגליק, פון צער און פון שלעכץ.
און ווייסט מעהר דעם וועג ניט צום טויער פון הימעל,
געדענקט ניט זיין לינקס און זיין רעכטס.
און זעהט פאַר זיך קיינעם — דאָך הערט ער ווי עמיץ
פאַרגעהט זיך אין יאמער אין קרעכץ...

און ס׳ציהט זיך דער האַר פון דער וועלט אויף די חורבות,
און בויגט צו דער ערד צו זיין אויער...
דאס וויינען די קברים, אומזיסטע פאַרוויסטע,
דאס קלאָגט דאָך דער אייביגער טרויער...
און גאָט וויל אנטלויפען — דערקענט ער זיין וועג ניט,
און ווייסט ניט פון הימעל דעם טויער...

און פּלוצעם צעוויינט זיך דער בורא פאַרצווייפעלט,
צעוויינט זיך אזוי ווי אַ קינד...
און ס׳קלאָגט מיט איהם אלעס — דער ים און די בערגער
דער הימעל, די ערד און דער ווינט.
און ביטערער קלאָגען די שטיקער פון מענשען
אין בויך פון שאַקאַלען און הינט...

די וועלט איז איינשוויגען, אויף אייביג איינשוויגען.
נאר עמיצער שטעהט נאך און שעלט.
דאס איז דאָך דער בורא. צעמישט און משוגע,
פון צער און פון אַנגסטען געקוועלט:
אָ קינדערלעך מיינע... פאַרדאָרבענע קינדער...
וואס האט איהר געמאַכט פון מיין וועלט?..

זיבּען טעג...

זיבּען טעג און זיבּען נעכט האט אין פעלד געקלאפּט.
שוואַרצע בּעך.
בּו און בּו און בּו.
דער גרויסער בּאַרג האט אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ,
און געקוקט פאַרגאַפּט.
ערגעץ ב׳האלט זיך אוים אַ שד און שטעהט און צעהלט:
בּו און בּו און בּו...
דער גרויסער בּאַרג רוקט זיך אויף צוריק.
פּאַטשט איהם עמיץ נאָך.
ס׳איז די שרעק...
— בּאַרג! שטאַמעלט אוים די נאַכט,
שעפּטשעט קוים דער טייך — וואוהין?
— איך לויף פון שרעק!.. פון בּו און בּו און בּו...

. . .

און ס׳טוליעט זיך די נאַכט אָן טייך,
און ציהען זיך אין ווייט.
זענען דול. פון זין אַראָפּ.
דער טייך איז גאר קיין טייך.
אַ שוואַרצער קנייטש!
פלאַטערט — בּיל-בּיל-בּיל...
די נאַכט איז מיד און פאַלט.
אָט פאַלט זי אום.
און ערגעץ שטעהט דער שד,
און צעהלט און צעהלט...

. . .

שוין.
די שטילקייט רוקט זיך ווידער אָן.
די שטילקייט — אזאַ ווייסער טוך,

דאָ און דארט צעפליקט,
פון רויך און פלאם.
די שטילקייט הילט דאס פעלד
און קרעמפּט זיך איין,
און שווייגט.
פלוצעם — אוי ליאַ-ליאַ... אוי ליאַ-ליאַ...
זי וויינט.
וואס איז געשעהן?
זיבען טעג און זיבען נעכט האט אין פעלד
געקלאפּט.
שוין.
פארגעסט!

...

די שטילקייט זוכט אַ מת.
— וואו איז דער מת? דאס טויטע פערד?
— פרעג די קראָהען. פרעג די הינט.
זעהסט?
ס'וואלגערט זיך אַ אויג אין פעלד.
דעם פערדס אַ אויג...

...

אַ ווינטעל קומט און טראגט אַ ציצה מיט.
— וואו איז דער מת? דער טויטער איד?
פרעג די קראָהען. פרעג די הינט.
אָט ליגט די ציצה אויף אַ דאָרן,
און פלאַטערט לינקס און רעכטס...

...

ביינאכט —
הויבט זיך אויף דאס איינציג אויג
אויף זיבען שפּאַן פון דר'ערד,
טהוט אַ קוק, און פאַלט צוריק.
רוימט די גראזען עפּעס איין,

און ווערט פאַרשטאַרט...

...

אַ לאָשעק לויפט פון שטאָדט.
פון שטיקלעך שטוב,
פון הויפענס שול און קלויסטער,
פון בערגלעך וויים און געלבליך ליים.
— גראז!
— עס ניט, לאָשעק, אָט דאס גראז!
ס'האט פון שרעק זיך אויסגענעהרט.
פון בלוט געשפראָצט.
פון טאַטענס בלוט.
קוק! — דאָס שטאַרע אויג!...
שאַ.
און איצט פאַרריים די פאָדער-פיס!
דיין ליפ פאַרקנייטש!
שטרעק אוים דעם האַלז!
און שטאַרץ אריין אין הימעל גלייך!
און זעהסטו דארט אַ גאט?!...

. . . .

ערשטער מאַי.

ערשטער מאַי באַגינט אין רויטען.
רויטער מאָרגען, רויטער נעבעל.
טראָפּענס טוי מיט בלוט געמישטע,
דעמערונג געטונקט אין שוועבעל.

קוקט די זון מיט שטילען וועהמוט,
און צעברעקעלט איהרע שטראַלען
אין די טייכלעך בלוט פון יענע,
וואָס זיי זענען אומגעפאַלען.

גרינע בלעטער רויט באַשפּרענקעלט.
לאָנקעס גרין — געפארבט אין רויטען.
שפּרינגט ארום אַ שוואַרצער וואָראָן
פון אַ טויטען צו אַ טויטען...

פּיקט ער אוים די צונג ביי איינעם,
און ביים צווייטען ביידע אויגען.
און דעם טויטען אַרט דאס גארניט,
ליגט זיך רוהיג, אויסגעצויגען.

און עס שטעהט ניט אויף דער טויטער,
און ער ווערט ניט הויך און העכער —
אַ גיגאַנט וואָס לאזט אין וועג זיך
מיט צוויי שטאַרע אויגען-לעכער;

און צעלאַכט זיך ניט מיט יאָמער!
און צעוויינט זיך ניט פון הארצען! —
מיט אַ ווילדען טויט-געלעכטער!
מיט אַ הספד אייביג שווארצען!

און ער הויבט ניט אויף די פויסטען
אַ פאַרביטערטער אין לופטען!...
ערשטער מאַי באַגינט אין רויטען,
טוי און טויט צוזאַמען דופטען!...

ערגעץ האט אַ יתום-בוימעל
זיך באַצירט מיט צווייט מיט ווייסען;
איז דער וואָראָן אָנגעפלויגען
און דעם צווייט גענומען רייסען...

בלויז איין צווייג איז איבערבליבען,
האט מען ערגעץ אויסגעשאסען —
איז אַ מענשען-קאָפּ געפלויגען
און די צווייג מיט בלוט פאַרגאָסען...

ערשטער מאַי... דער פרייהייטס יום-טוב! —
ווערט באַזונגען פון שאַקאַלען...
קוקט די זון מיט שטילען וועהמוט,
און צעפּרעקעלט איהרע שטראַלען — — —

וואָס דענקסטו טהון?...

וואס דענקסטו טהון, אָ, ליבער פריינד מיין,
נאָך דער ענד פון שלאַכט?
— כ׳וועל זיך אויסציהן אויף א קבר,
קלאָגען טאָג ווי נאַכט...
איך וועל קלאָגען אויף מיין ברודער
מיט אַ שוואַרץ געוויין —
ביז כ׳וועל ווערען צוגעוואקסען
צו דעם האַרטען שטיין...

וואָס דענקסטו טהון, אָ, ליבע מיידעל,
נאך דער ענד פון שלאכט?
— איך וועל וואנדלען איבער פעלדער,
וואנדלען טאָג ווי נאַכט...
וועל זיך בויגען איבער שאַרבענס
ווי אַ שווארצער ראָב;
אפשר וועל איך אויסגעפינען
מיין ליבען חתנ׳ס קאָפּ...

וואָס דענקסטו טהון, אָ, ליבער בחור,
נאָך דער ענד פון שלאַכט?
— אויף דעם שווארצען בערגעל וועל איך
זוכען טאָג ווי נאכט...
אפשר וועל איך דארט געפינען
בלימעלעך אַ צוויי...
פון מיין כלה׳ס בלוט געוואקסען,
פון איהר אונשולד, וועה — — — —

ארגענטינא.

מיין טייערער מאָרי — מיט ליבשאַפט.

מאַרי.

מאַרי, ליבע מאַרי!
אין די אַרגענטינער טויערען
מיינע לידער כ'האָב פארלוירען...
און פארלוירען כ'האָב מיין לירע,
און פארגעסען אין מיין שירה —
מאַרי, ליבע מאַרי!

און פאַרגעסען כ'האָב מיין שירה —
האסטו מיר געשענקט אַ לירע,
און די לירע אנגעצויגען,
און דערפרישט מיט דיינע אויגען —
מאַרי, ליבע מאַרי!

אין די ווייסלען דיינע דרימלען,
זיבען ברייטע פּאַמפּאַ-הימלען!
און אין דיינע שוואַרצע אַפּלען,
טהוט דער פּלאַטאַ-טייך זיך צאַפּלען —
מאַרי, ליבע מאַרי!

אונטער דיינע שעהנע אויגען,
איז אַ שאטענדעל געצויגען,
טהוט אַ שאטענדעל זיך צוקען...
לאז מיך שטיל זיך בויגען, בוקען! —
מאַרי, ליבע מאַרי!

לאָז מיך שטיל זיך בוקען, בויגען,
פאַר אַ פּאָרעל שעהנע אויגען...
צוקט אַ שאטענדעל און ציטערט,
טיקט אַ שאטענדעל און פליטערט —
מאַרי, ליבע מאַרי!

ווי אין שאטען פון אָמבו׳ען
טהוט אַ ווילדער גאַאוטש רוהען—
רוהען לאָז מיין בליק דעם ווילדען
אין דיין שאטענדעל דעם מילדען—
מאַרי, ליבע מאַרי!

וויים ווי שנעע וואס אויף די אַנדען,
זענען דיינע ברוסטען-ראַנדען!
וויים ווי צאַרטע, קליינע טויבען
מיט צוויי ראָזע שנעבלעך, אויבען—
מאַרי, ליבע מאַרי!

דיינע לאָקען, שוואַרצע לאָקען,
ווי פון עמיצען צעשראָקען,
ווי פון עמיצען פאַרצויבערט,
ווי אַ טשאַקאָ-וואלד צעשויבערט—
מאַרי, ליבע מאַרי!

ביזט אַ בוינאַ-נאָטשע בלימעל,
וואס געזעגנט האט דער הימעל,
מעהר פון אַלע שעהנע בלומען,
ביי קלאהר וואַסערל, ביי פרומען -
מאַרי, ליבע מאַרי!

ביי פרום וואַסערל, ביי קלאהרעס...
ביזט די שעהנסטע בלום פון פלאָרעס!
ביזט די שעהנסטע סעניאָריטאַ,
פון דעם שטעדטעל קאַוואַזשיטאַ—
מאַרי, ליבע מאַרי!

אין דיין איינער שעהנער מינע,
ליגט די גאַנצע אַרגענטינע
מיט איהר צאַרטקייט, מיט איהר טוגענד,
מיט איהר חן און מיט איהר יוגענד—
מאַרי, ליבע מאַרי!

כ׳האב פאַרגעסען דאָ מיין שירה—
האָסטו מיר געשענקט א לירע,
און די לירע אָנגעצויגען...
לאָז מיך שטיל זיך בוקען, בויגען—
מאַרי, ליבע מאַרי!

חתן־כלה.

אפגעאַרבייט אויפ'ן קאַמפּ—
קום איך צו מיין כלה.
גרייט זי מיר אַ ווייסען טיש,
רויטען וויין און חלה.

רוימט מיר איין א סוד אין אויער:
כ'האָב אַליין געבאַקען...
און זי קרומט מיר נאך דערביי,
ווי איך שטאָפּ די באַקען...

לאַך איך שטאַרק, לאַכט זי אויך,
לאַכען אלע, אלע...
זיס דער וויין געשמאַק דאָס ברויט,
געבאַקען פון מיין כלה!

אָפּגעגעסען — איינגעשפּאַנט
ס'פערדעל אין דער סולקע.
ווערט איהר טאַטע באלד אין כעס:
— ווידער א פּראָגולקע!..

אַלע אָוועגד — טענה'ט ער
דאַרף מען ניט גולאַיען!..
זעהט ער אז מ'הערט איהם ניט,
הערט ער אויף צו שרייען...

פאָהר'ן מיר אויף איהר טאַטענס קאַמפּ,
זענען מיר צופרידען;
אידיש לאַנד און אידיש גראָז
חתן-כלה — אידען...

אידען וואָס זיי ליבּען זיך,
נאָר ווי אידען קענען.
זעהען מיר ווי מערב-צו
בּאַרג און טייכעל בּרענען...

ס'איז די זון פאַרגאַנגען דאָרט
אין ראָזעווער גסיסה.
שטרעקט פאַרשעהמט מיין כלה מיר
איהרע ליפּלעך זיסע...

פּלוצעם—אָ—דערשרעקט זי זיך:
ס'שוואַרצט זיך וואָס פון וויטען...
ס'רייט א גאַאוטש אויף זיין פערד —
וו'הין זאָל ער איצט רייטען?..

פאָהרט דער גאַאוטש אונז פאַרבּיי,
שמייכעלט צו מיין מיידעל...
שטעלט זיך אפּ און ציהט ארויס
דאָס מעסער זיינס פון שיידעל...

טוליעט זיך מיין כלה צו
דערשראָקען צו מיין האַרצען...
און דער גאַאוטש בּינדט זיין האַנד
מיט'ן פאָנטש דעם שוואַרצען...—

—ליבּע מיינע, שרעק דיך ניט;
לאָז איהם מיט זיין מעסער—
כ'וועל איהם ווייזען אז איך שלאָג
מיט הוילע הענד פיעל בּעסער!

איינס און צוויי—און אָנגעכאַפּט
דעם גאַאוטש פאַר'ן נאַקען
און א שליידער איבּער זיך,
אַזש די בּיינער קנאַקען!

— דע׳חעמע... פּערדאָ׳נעמע...
בעט ער זיך און ציטערט.
לאָז איך איהם — שטעהט ער אויף
מיט בּושה און פאַרביטערט.

כאַפּט זיין פערד און שטיל אוועק;
מעהר קיין וואָרט אַפילו...
און מיין ליבע שטעהט און קוועלט,
טאַנצט אַזש פון גדולה...

ס׳איז די זון פאַרגאַנגען שוין
אין ראָזעווער גסיסה...
איצטער, טייערע, שטרעק מיר אויס
דיין מיילעכעל דאָס זיסע — — — —

מענדאזע.

אַמאל איז געפלויגען אַ שנעע-ווייסער מלאך
בלימעלעך קלייבען אויף דר׳ערד פאר זיין געטין:
ליליען, דאַליעס, לאַנדיש, מאַגנאָליעס,
מאַרגאַריטקעס, יאַסמין, וויאָלעטען;
באַפּוצען די בלימלעך מיט זון-שיין און טוי-גלאַנץ,
און בינדען מיט שטראַלען די בלומען-בוקעטען.

אזוי ווי דער מלאך געשוועבט האט אין רוימען
צו פאַנגען די זון-שיין און טראָפּעלעך ראָסע,
דעם שימער אין גין-גאָלד פון בלאָנזענדע שטראַלען—
פון איילעניש האט ער פאַרלוירען אַ ראָזע...
געפאַלען די רויז איז צופיסענס די אַנדען—
פון איהר איז געוואָרען: מענדאָזע!

אָ, ליבע מענדאָזע! די שטאדט פון דעם וויינשטאָק!
עס האבען די בערג איבער דיר זיך דערהויבען,
און היטען דיין בתולה׳שען חן און דיין בענקשאַפט,
דיין בוים מיט מאַראַנצען, דיין קעלטער מיט טרויבען...
אָ, ליבע מענדאָזע! די שטאדט פון דעם וויינשטאָק!
איך ציה אָן מיין האַרפע און וועל דיך טהון לויבען!..

אָ, ליבע מענדאָזע! די שטאדט פון געמורמעל
פון וואסער פארבענקטעס, פון קלאַנגענדע שטראמען,
וואס פליסען אראפּ פון דער שפּיץ קאָרדיזשעראַ,
פון שנעע וואס ער קושט זיך מיט הימעל— זיי שטאמען...
וואס ס׳איז זיי באַשעהרט בלויז די סעדער צו זעטען,
און בענקען אומגליקליך נאך תהומות און ים׳ען...

אָ, ליבּע מענדאָזע! די שטאָדט פון די בּערגער,
וואס שטעהען פארליבּטע און אייפערן בּיטער
דער זון, דער לבנה, די שטערען, דעם וואָלקען,
דעם שטורעם, דעם רעגען, דעם ווינט און געוויטער—
און וועה איז צו יענעם וואס וויל דיך באהערשען:
די אַנדען אויף איהם! — מיט צאָרען און ציטער!

איך ליבּ דיך, מענדאָזע! איך וואַג דיך צו ליבּען!
פאַרגעבּ מיר, דעם דיכטער, מיין דרייסטקייט און העזה;
איך וויים דו בּיזט געטליך! עס האט דאך אַ מלאך
אמאל אין די רוימען פארלוירען אַ ראָזע . . .
געפאלען די רויז איז צופיסענס די אַנדען—
פון איהר איז געוואָרען: מענדאָזע!..

טאַנגאָ פון טויט.

איז זי הויך און שלאַנק און בויגיג;
ער איז שלאַנקער, גרעסער!
פון צעווישען זיינע צייהנער
שטעקט אַרויס דאָס מעסער.

האָט דאָס מעסער זיינס צוויי שאַרפען,
בלאַנקען זיי און בלענדען.
און אַ בלויער וואָלען-גאַרטעל,
קרעמפּט איין זיינע לענדען.

זי—באַציהרט מיט רויטע סטענגעס,
אין אַ קורצע קליידעל.
שטרעקט דער יונג אויס זיינע אַרעם,
קעהרט זיך אָפּ די מיידעל...

הענד אויף דיכען, קאָפּ פאַרריסען,
שטאַרע, שטאָלצע אויגען...
צערענט זיך דער יונג און בויגט זיך,
שטעהט ער אויסגעבויגען...

לויערט, לויערט און ער יאָגט זי,
יאָגט זי אין אַ רעדעל.
יאָגט זי, יאָגט זי, איין שפּרונג צוויי שפּרונג,
און געכאַפּט די מיידעל!

ווי געכאַפּט נאָר—באלד געטוליעט,
און געדריקט צום האַרצען...
און אַ שליידער — בלייבט די מיידעל
אויף די קניהען שטאַרצען.

פינקלען זיינע גרויסע אויגען,
ווערען זיי נאָך גרעסער.
פון צעווישען זיינע צייהנער,
שטעקט אַרויס דאָס מעסער...

ווערט דער יונג אַ גוטער פּלוצעם;
קוקט ער מילד, באַשוכט..
כאַפּט די מיידעל — ווערען ביידע
אין דער לופט פאַרכישופט...

און מען דרעהט זיך אין אַ ווירבעל,
גיך און גיך און גיכער...
דוכט זיי שוועבען, דוכט זיי פליהען,
דוכט, ס'איז גאָר אַ וויכער!..

זיינע לאָקען שטאַרק צעפּאָטעלט,
איהרע — שטאַרק צעשויבערט.
שוועבט מען, שוועבט מען און מען ווירבעלט
און מען איז פאַרצויבערט.

קרייזען רעכטס און קרייזען לינקס,
און קרייזען אין דער לופטען.
ברוסט צו ברוסט און מויל צו מויל,
און לייב מיט לייב זיך העפטען...

ביידע קערפּערס ווערען איינער,
פיס אָן פיס זיך פלעכטען...
ווערט דער גוטער יונג פאַרוואַנדעלט
ווידער אין א שלעכטען.

און—אַ שליידער. און נעכאַפּט זי.
און געווארפען ווידער;
און אָט האָט ער זי אומאַרעמט,
טרעשטשען איהרע גלידער!..

פינקלען זיינע גרויסע אויגען,
ווערען זיי נאָך גרעסער.
איין שוועב צוויי שוועב, איין בויג צוויי בויג —
איינגעשטעקט דאָס מעסער!...

בויגט דאָס מיידעל זיך ארונטער,
בלייבט זי ווי אַ טויטע—
הענגען נאָך די לאָקען איהרע,
און די סטענגעס רויטע! — — —

אַווענידאַ דע מאַיאָ.

אין אווענד צעלאַכט זיך אין מיט-שטאדט אַ חיה,
מיט פלאם-רויטע אויגען, מיט ברענענדע אפלען,
וואס טיקען זיך זינדיג, און בלאנזען און צאפלען,—
דאס לאַכט דאָך די גאס אַווענידאַ-דע-מאַיאָ!

זי שטרעקט איהרע ארעם, און בויגט איהרע פינגער,
די ביינערנע פינגער געטרוקענט פון תאוה,
ביי גלעזעל שאַמפּאַניער, ביי פּשוטער קאווע,
מיט רייכע אַלפאָנסען, מיט פּשוטע זינגער...

ביי טיי'רע ביפשטעקסען אויף בלענדענדע טעלער,
ביי שיסעל געפּרעגעלטע זשאַבּעס און מייזלעך...
אויף רייכע סוהאַרען,—אין שמוציגע הייזלעך,—
אין טאנץ-קאַבּאַרעטען,—אין רויכיגען קעלער...

די גאס פון דעם מאי!.. וואו עס וואַקסט ניט
קיין בלימעל,
נאר רויזען פון זילבער, און גאלדענע דערנער...
וואו פרויען געגאַרטע, און מענער מיט הערנער,
דינען צו באַקכוס אין וויין-רויטען הימעל...

פארשידענע טענער... פון בעטלער-ניגונים,
פון פלייט און פון פידעל און פיאנע, און אָרגעל,
און שיכורע טרערען, און בלוט פון אַ גאָרגעל,
פון איינעם וואס גוס'עט ביי טישעל, ביי גרינעם...

און אנדערע טענער—פיעל שענערע, בעסערע,
פון עמיצענס הארצען אריבער פון ענגשאפט...
ווער זינגט דארט? ווער זינגט דארט? איך זינג
דארט פון בענקשאפט,
וואס זינג איך? וואס זינג איך? איך זינג שמונה-עשרה!

ביינאַכט שמונה-עשרה אויף אַווענידאַ-דע-מאַיאָ!
ווער הערט דען דעם ניגון פון בענקשאפט געצויגען?
מיט ברענענדע אפלען, מיט פלאם-רויטע אויגען,
צעלאַכט זיך די חיה... צעלאַכט זיך די חיה...

הײשרעק.

ס׳האט אַן אלטער קאָרענטינער,
מיר דערצעהלט אָט די געשיכטע,
פון די מענגעס די געדיכטע,
פונ׳ם הײשרעק ארגענטינער:

אויף די פעלדער פון דער טשאַקאָ,
האט געלעבט מיט װײב און קינדער,
און מיט פערד און שאף און רינדער,
דער קאַציקע הומאָ-האַקאָ.

און מיט זײ אַן אלטע מוטער —
האט זי ג׳הײסען קאַרא-באָבאָ,
איז געװעזען זעהר אַ גראָבע
פון פיעל האָניג, מילך און פוטער.

זענען װײסע אנגעקומען —
הומאָ-האַקאָ׳ן באלד דערשאסען,
זײנע קינדער׳ס בלוט פארגאסען,
און זײן װײב אװעקגענומען.

און קאַציקעס װײץ געשניטען,
און געקוילעט זײנע קעלבער,
און גערויבט קאַציקעס זילבער,
אויף קאַציקעס פערד געריטען.

בלויז די אלטע איז אנטרינען,
זיך באהאלטען אין די װעלדער,
און פון דאָרט באטראכט די פעלדער,
װאו די קינדערס בלוט — גערינען. . .

האט איהר שטים מיט װעה און צאָרן,
זיך געטראגען איבער טשאַקאָ:
הומאָ-האַקאָ! הומאָ-האַקאָ,
זעה װאס ס׳איז פון אונז געװארען!

זון מיין! זון מיין! וועה מיין עלטער!
זעה די ווייסע, וואס זיי טהוען—
ווי זיי צינדען די אָמבו'ען,
און דעם שייער, און דעם קעלטער!

אונזער שונא, די זשאַטאַיער,
האסטו אימער אפגעטריבען!
און ס'איז שטענדיג גאנץ געבליבען,
אונזער קעלטער, אונזער שייער!

האסט געזיגט אין דיין נקמה!
און קיין בראָך ניט — אין דיין פאַנצער!
און דיין בויגען איז אַ גאַנצער,
איבערבליבען אין מלחמה!

אָבער איצט — אָ, גרויסער זיגער!
האָסט אומזיסט געשטעלט דיין בויגען!
ס'איז דיין פייל אומזיסט געפלויגען!
שטאַרקער זיינען ווייסע קריגער!...

גרויסער גייסט פון טשאַקאָ-וועלדער!
לערן אויס מיך כישוף-שפּרוכען!—
וועל איך שעלטען, וועל איך פלוכען,
מיינע אָפּגערויבטע פעלדער!...

....

אַ מכשפה—זי געוואָרען...
און געפלוכט אזוי צו זאָגען:
היישרעק זאָל דער ווינט אָניאָגען
אויף דעם ווייץ און אויפ'ן קאָרן!

אויף די פלויטען, אין די שפּאלטען,
זאָל ער ליגען און זיך פּאָרען,
און די אייעלעך אויף יאָהרען,
אין דער האַרטער ערד באַהאלטען!

וּוען דער שניט וועט צייטיג ווערען,
זאָל דער היישרעק זיך אָנטראָגען,
און זאָל נעכטיגען און טאָגען,
און פאַרניכטען און צעשטערען!

. . . .

ווייט פון מענשען, ווייט פון ישוב,
זיבען מייל פון איטוזאַנגאָ,
וואו די וויכרען טאַנצען טאַנגאָ,
פליסט אַ טייכעל ברוינער כישוף.

דאָרטען וואוינט איצט די מכשפה,
פון איהר שבט איבערבליבען. . .
דרייצעהן צעפּלעד, הערנער זיבען,
און צוויי אויגען—פלאַם און שרפה!

און צוויי קליקעס פון די ליפּען,
און צוויי קרומע עלענבויגען,
און אַ נעזעל אויסגעצויגען,
און געבראָכען קנאָך-און-ריפּען. . .

איינגעהילט אין סטענגעס ראָבע,
צ'ישען בלויע, יאַשצעריצעס,
אונטער שווארצע פּיציריצעס,
ליגט די אַלטע קאַראַבאָבאָ.

שפּרייט און וואַרפט מיט ראָבע סטענגעס,
וואַרפט און פאָכעט ביזין הימעל,
הערט זיך פּלוצעם אַ געטימעל,
קומט דער היישרעק אָן אין מענגעס. . .

שווערע מענגעס און געדיכטע,
אויף די פעלדער ארגענטינער—
ס'האט אַן אלטער קאָרענטינער,
מיר דערצעהלט אָט די געשיכטע. . .

ביים ים.

אַ פויגעל שרייט ניט ווייט פון ים:
פיק-פיק! פיק-פיק! דזין-דזע-וויל!
אַ פישער זיצט אזוי ווי אַ תם:
באַשלאַי-באַשלו — און פיפקעט שטיל.

די זון פארגעהט און פלייצט מיט שיין:
קי-קוי, קי-קוי, אַ רויטער פלעק...
ענ-לוש-טאַ-לאַין! ענ-לוש-טאַ-לאַין!...
דאס איז דאס ליד פון ים ביים ברעג!..

זומער־טאָג.

צווי. צווי. טסס. טרילפּ־טריפּ.
כמאַרעט זיך. אַ האָגעל קומט.
טוויל. טעננני־ טן. קיין שאָרך. קיין ריהר.
שוואַרצט זיך וואָס. שטומט־שטומט.

פליאַ־ליאַ. חע־חעם. ס׳בליצט!
טררר. באָם! דאַ־ראַ־ראָפּ!
טראַ־דאַ! טרילדאָם! טראַטאַב:
אַ דונער. דער ערשטער טראָפּ.

או־או... אוי־אוי... דער שטורעם רייסט.
ס׳קעהרט זיך איבער בוים נאך בוים.
פליאַ־ליאַ, טראַ־טאַב! פליאַ־ליאַ, טראַטאַב!
שוואַרץ די וועלט. אַ בלינדער רוים.

. . . .

פּאַ... דין־דין... אוף־אוף.
לויטער. ס׳טריפט נאָך וואו...
קיין שטורעם מעהר, קיין וואָלקען מעהר,
און — פּאַ... דין־דין... ס׳טריפט נאָך וואו...

אויפ׳ן קאַמפּ

אַ הייסע שטילקייט. ששששאַ

פּלוצעם האט אַ גרויסע כמאַרע
זיך אָנגעזויפּט אין טייך פון פּאַראַנאַ
מיט וואַסער און מיט פּאַרע,
מיט הייסען דאַמפּ —
און פּאַרפּלייצט דעם קאַמפּ.

אַ מין רעגען ס׳האט געגאסען! —
גלייך ס׳האָט עמיצער געגאָסען,
פון די שוואַרצע שטראָמען וואַסער!
בלויז אַ דאָרן שטעהט אַ נאַסער,
און לאַכט אין זיך פּאַרדאָרבען...
די רויטע רויז געשטאָרבען!
און עלענד קוקט דאס פעלד.
ס׳איז שוין נאַכט געווארען,
און דער דאָרן,
ציטערט אויך פון קעלט,
און שטעהט און שעלט...

אפּגערעגענט.
שטיל. עפּעס טראַכט אין רוים.
פון ערגעץ קומט אַ ווינטעל, ציהט זיך קוים...
און געזעגענט
האט די ערד זיך מיט׳ן הימעל,
און פול מיט רוגזה, קריוודע
אויף דער כמאַרעס בעזער עובדה —
כאַפּט זי איצט אַ דרימעל.

קיהל.
דער הימעל ווערט אלץ בלאַסער,
אַרום איז פריקרע־שטיל.
פון אויבען ציהען כמאַרעס,
פון אונטען—וואַסער...
און דאס ווינטעל—מעשה נערות –
טרייבט די וואָלקען,
גאנצע פּאָלקען,
מיט אַ זינגער־שמייכעל...
וו׳הין?
ווער ווייסט. אפשר אינ׳ם היכל,
וואו שטן וואוינט מיט זיינע זיהן.

נאכט.
דאס פעלד איז אלץ פאַרטראַכט.
ערגעץ קרעהט אַ האָן פאַרשמאַכט...
און אַ גאַאוטש שפּילט גיטאַרע:
— אָ טשיניטאַ! מי טשיניטאַ...
אָנגעקומען איז אַ כמאַרע,
אָ, טשיניטאַ! מי טשיניטאַ!..

ווי עס טהוט דער רעגען גיסען!
און די בליצען—ווי זיי בלענדען!
און מיין זאָטעל איז צעריסען,
און דער גאַרטעל פון די לענדען!...

און די לאַסע כ׳האב פאַרלוירען,
און דאָס מעסער און דאָס שווערדעל!..
שטעה איך איצט ביי דיינע טויערען,
אָ טשיניטאַ—מיט מיין פערדעל!

און אין מיטען וועג ביי וואָגען,
שטעהט אַ איד צעטראָגען.

די פערדלעך—מיד, דערשלאָגען...
פאָהרט, הפנים, פון אַ שמחה,
שטעהט ער איצט ביים וואָגען—
דאַווענט מנחה:

— אַ מין רעגען! אַ מין רעגען!
האָט אַ תל געמאַכט די וועגען,
און צעווייקט די אַלפאַ-בלעטער!
דעם מאַאיז צעפוילען וועט ער!...
כ'האָב נאָך צוואַנציג קילאָמעטער,
ביז צו זעהן די שפיצען בוימער,
פון דער קינטאַ ברוך-משה'ס!...
וידבר ה' אל משה לאמור,
ועשית כיור נחושת...
און פון דאָרטען,
ביז מיין גאָרטען—
אַ לעגוועס זיבען, אַכט;
און ס'איז שוין נאַכט!...
קאַרגע צוועלעף לעגוועס!
און אָט פאלען שוין די זשעגוועס!...

אַ פויער-מיידעל שלעפט זיך מיד.
דערזעהט זי דאָרט אַ טייכעל—
דעקט זיך אָפ די פיסלעך ביז'ן בייכעל,
פליסקעט זיי און זינגט אַ ליד...
געהט פון פעלד אצונד,
די קיה געמאָלקען.
ערגעץ בילט אַ נאַסער הונד...
פון צעווישען פיצלעך וואָלקען,
אין אַ שטערען ריידעל,
קוקט די לבנה מיט אַ ווייכער לוסט,
צו אַ פייכטען קוסט,
און דערמאָנט אַ אָפגעדעקטע ברוסט,
פון אַ יונג פאַרשעהמטער מיידעל...

דער פּאַמפּעראָ.

אויף די הויכע אַנדעס-שפּיצען,
אויף זייער שטאָלצער קאָרדיזשערא,
ווערט געבוירען דער פּאַמפּעראָ,
אין אַ מוטער-טראַכט פון בליצען...

מיט צעשפּרייטע פליגלען, שטאַרע,
מיט אַ שטים פון בראָנז און אייזען,
טראָגט ער זיך זיין גבורה ווייזען,
דורעך דונער בליץ און כמאַרע!..

ווען דער מעכטיגער פּאַמפּעראָ,
נידערט פון די הויכע אַנדען,
אנגעגורט מיט שטויב און זאַנדען,
און מיט וואָלקענס ברייטע, שווערע—

פיהלט זיך אין דער לופט דאָס שאַלען,
פון אַ יונגען, ווילדען לעבען—
גלייך ווי טויזענד מעננעס לייבען,
וואָלטען עמיצען באַפאַלען!..

פיהלט זיך דאַן אין לופט נשמה,
פון אַ אפּגענאַרטען גיבור,
וואָס ער לאָזט זיך צו זיין ליבער
אויף נקמה! אויף נקמה!

דער פּאַמפּעראָ איז געקומען!
שטיל! אָט הערט זיך שוין זיין ברויזען!..
זעהט: ער פליקט דאָרט וואָלקען-רויזען...
שוואַרצע בלומען! שוואַרצע בלומען!..

ווי אַ שוואַכער טעראָ-טעראָ,
רייסט זיך אַנגסטיג פון דער טראַמפּאַ,
אזוי קאָרטשעט זיך די פּאַמפּאַ,
אין די אַרעמס פון פּאַמפּעראָ!..

און עס פֿייניגט זי דער שטורעם,
און צעשויבערט זי מיט צאָרן...
פֿון אַ בלימעל ביז אַ דאָרן,
שטעהט און קלאגט פֿאַרשעהמט און אָרעם...

מיט פֿאַרמאַכטע, מידע אויגען,
אויף אַ שוואַרצער, פייכטער מטה,
ליגט די שעהנע סעניאָריטע,
ליגט די פּאַמפּאַ אויסגעצויגען...

אויף אַ צייט איז זי געשטאָרבען!..
מיט טריאומף און ווילדע עהרע,
טראגט זיך ווייטער דער פּאַמפּעראָ,
בליצענד שפּאָטיש פון זיין קרבן...

און ער שמיצט אוועק מיט גאוה,
זיינע שוואַרצע ליבעס-רויזען...
ביז ער גרייכט דעם ים דעם גרויסען,
און דערטרינקט זיך דאָרט אין תאוה...

אויף די הויכע אַנדעס-שפּיצען,
אויף זייער שטאָלצער קאָרדיזשערא,
ווערט געבוירען דער פּאַמפּעראָ,
אין אַ מוטער-טראַכט פון בליצען...

און ביים ברעג פון בוענאס-איירעס,
אין דעם ים — ווערט ער פאַרלאָרען,
מיט זיין אימפּעט, מיט זיין צאָרן
מיט די בליצען, מיט די כמאַרעס...

די באַדייטונג פון די פרעמדע ווערטער—אין די לידער. (נאכ׳ן א״ב.)

מאלדאָוואַנישע:

וואַליו—וועהגעשריגען!

סוואונטו=גיאָרגי—הייליגער געאָרגי.

פּאָרניאַלע—אזא מעלאָדי.

פלויער—אזא הילצערן פייפעל.

שי מאַי פאַש?—וואס מאַכסטו?

שפּאַנישע:

אָמבו—אזא בוים וואס וואַקסט גאנצע יובלות.

אַנדען—די הויכע בערג אויף דער גרעניץ פון ארגענטינא און טשילע.

גאַאוטש—אַ פּראָסטער הייספּלוטיגער טיפּ פון די אין פעלד=געבוירענע ארגענטינער.

דע׳חעמע—לאָזט מיך אָפּ.

זשאַטאַיער—אזא שבט.

זשעגוועס—קליאַטשעס.

טשאַקאָ—אַ שטיק וואלדיג לאנד אין זיד-אמעריקא.

טראַמפּאַ—אַ נעץ.

טשינִיטאַ—אַ דאָרפישער ליבעס-צונאמען פאר די היזיגע מיידליך.

טערע-טערע—אזא פויגעל.

לאַסע—דער שטריק מיט וועלכען די גאַאוטשען כאפען די בהמות.

סעניאָריטע—אַ מיידעל.

סולקע—אַ וועגעלע אויף צוויי רעדלעך.

פלאָרעס—(בלומען) אַ פארשטעדטעל פון בוענאס-איירעס.

פאָנטש—(פאָנטשאָ) אזא מין שאַל אין וועלכען די גאַאוטשען הילען זיך.

פּאַמפּאַ—ארגענטינער סטעפּעס.

פער׳דאָנעמע—זייט מיר מוחל.

פּאַמפּעראָ—אַ שטורעם וואס טראגט זיך דורך דער פּאַמפּאַ.

קאַוואַזשיטאָ—אַ פאָרשטעדטעל פון בוענאס=איירעס.

קאַמפּ—פעלד.

קאָרדיושערא—די קייט פון די אַנדען-בערג.

קאָרענטינער—אַ געבוירענער אין דער ארגענטינער פּראווינץ קאָריענטעס.

קאַציקע—דער עלטסטער פון אַ שבט.

אינהאלט.

אַנשטאַט אַ פאָרוואָרט 3

ליבע

פּי-פּי! פּאַ-פּאַ!.. 9
לאַלאַ 10
סטעלאַ 14
פלאָרינדאַ. 16
צוויי ליליען. 19
אין די אויגען.. 23
שווימט אַ פּישעל... 25
וואס האסטו דיין פּנים?.. 27
איך נויג מיין אויער... 28
וואַלענטינאַ. 30
כלה=ליד. 32
דער שנעע האט פאַרשאָטען.. 34
באַשעהרט איז געווען... 36
צו מיר האט... 38
אַכטצעהן יאהר שוין... 39
אין אַ גארטען... 41
ריבען. 43

בענקשאַפט און אַנגסט.

עס מאַכט זיך אַ ניגון 49
ז'איז פון פענסטער... 51
דאס מיידעל פארטרוימטע... 53
און ווי... 54
כ'האב געקענט... 55
ס'האט א שד... 58
דער לייב. 59
כ'בין, ווייזט אויס... 65
די געגזעלעך... 66
עמיץ גוס'עט... 67
דאס בלינדע קעלבעלע... 68
עס צאנקט... 69
די מדבר... 70
כאפט מיך, שדים... 71
נקמה. 73
כ'האב און זאמד... 74
זיבען זעגען מיר... 75
משוגענער!.. 77
אויף מיין... 79

מיין אומה.

פון די אידישע... 83
אויף דעם וועג... 84
צעבראכען דאס גלעזעל... 85
כ'וועל די פּאות... 87
גיסט אן, גויים... 89
שפּרייזט און יאַגט... 91
ווער האט עס... 92
געשיכטע. 94
ושנת גאולי באת! 95

מלחמה.

ס'איז אַ טויט... 99
באַלאַגערט... 100
און ס'וואנדערט... 101
זיבען טעג... 102
ערשטער מאי. 105
וואס דענקסטו טהון?.. 107

אַרגענטינאַ.

מאַרי. 111
חתן-כלה. 113
מענדאָזע. 116
טאַנגאָ פון טויט. 118
אַווענידאַ דע מאַיאָ. 120
היישרעק. 121
בּיים ים. 124
זומער-טאָג. 125
אויפ'ן קאַמפּ. 126
דער פּאַמפּעראָ. 129

באדייט. פון פרעמדע ווערט. 131

דרוקעריי פון קראסילאווסקי און פערצאווסקי,—בועגאס איירעס.